# פרשת מקץ כ"ד – ל' כסלו תשע"ט לפ"ק

***יום ראשון פרשת מקץ***

בתפלת שחרית עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה לרגל היארצייט של אמו הרבנית מסאמבאטהעלי ע"ה. אחר התפלה הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים.

***מתוך השיחה:***

איך האב זיך געפונען ביי מיינע עלטערן אין שטוב, ביז זיי זענען אוועק פון די וועלט. ווען איך האב חתונה געהאט, האב איך געוואוינט אקעגן איבער, אבער רוב צייט, ווען איך בין נישט געווען אין כולל, בין איך געווען ביי מיינע עלטערן. יארן לאנג האב איך דארט געגעסן אלע שבתים. אפילו זיי זענען ביידע געזונט געווען, האב איך אלע שבתים געגעסן דארט. און איך האב קיינמאל נישט געהערט א הויך ווארט אין שטוב. איך האב קיינמאל נישט געהערט אין שטוב אז מען זאל זיך קריגן, און איך האב געמיינט אז עס איז אזוי נאטורליך, אז אלע שטובער זענען אזוי.

פאר די חתונה איז מיין מאמע געווארן א יתומה, איר פאטער (**הגה"ק רבי חיים יהודא דייטש זצ"ל** דומ"ץ מאקאווא ובעמ"ס **אהבת חיים**) איז אוועק א יאר פאר איר חתונה. זי איז שוין געווען א עלטערע מיידל, איר פאטער איז געווען דיין אין מאקאווא, און קהל האט געפילט א אחריות איר חתונה צו מאכן. אין שטוב איז נישט געווען קיין געלט, און מען האט געדארפט צושטעלן נדן, זענען זיי געקומען אויף א פלאן, אז זיי גייען נעמען א חתן א תלמיד חכם, און זיי גייען אים געבן דאס דיינות פאסטען אנשטאט דעם שווער, און מיט דעם וועלן זיי משלים זיין, אז זיי האבן אים צוגעשטעלט א פרנסה. זיי האבן אריינגעשטעלט א מודעה אין צייטונג, אז זיי זוכן א שידוך א בחור א תלמיד חכם אנצונעמען א דיינות נאכדעם וואס מען ווערט א חתן. און אזוי איז געווארן דער שידוך.

**א' מהנוכחים:** פון מאקאווא איז יעדער צוריקגעקומען נאך די קריג.

**רבינו:** נישט יעדער. עס איז געווען צוויי אדער דריי טראנספארטן, און איין טראנספארט איז צוריקגעקומען. פון מאקאווא און פון דעברעצין, פון די צוויי מקומות איז מען צוריקגעקומען. יונגע קינדער פון אונגארן נאך די קריג, איז נישט געווען מער ווי פון די צוויי טראנספארטן. מען האט נישט געלעקט קיין האניג דארט אויך נישט, אבער די גאנצע משפחה איז געווען צוזאמען, מען האט געוואוסט איינעם פון צווייטען וואס עס טוט זיך. מען איז ארויסגעגאנגען יעדן טאג ארבעטן, און ביינאכט איז מען צוריקגעקומען.

דאס איז געווען צו ווייזען פאר די רויטע קרייץ ווי אזוי עס קוקט אויס ביי זיי די לאגערן. זיי האבן געדריקט ספעציעלע געלט וואס איז גארנישט ווערט געווען. און עס איז געווען אויסגעשטעלט געשעפטן, אז עס זאל אויסקוקן ווי געשעפטן, און עס איז קיינמאל נישט געווען אפען. זיי האבן געדארפט ווייזען א אנשטעל, כאילו עס איז דא געשעפטן, און מען גיט געלט, מען באצאלט פאר די ארבעט, און מען קען איינקויפן. מיין טאטע האט געהאט אוועקגעלייגט דאס געלט וואס מען האט דעמאלטס באקומען. עס איז געווען דערויף א בילד פון משה רבינו מיט קרני הוד.

**א' מהנוכחים:** ווען איז געווען די תקופה וואס דער טאטע איז געווען אין מיליטער?

**רבינו:** נאך די חתונה. דער טאטע האט חתונה געהאט ט"ו תמוז, און תיכף נאך סוכות האט מען אים אריינגערופן אין מיליטער. איין יאר איז ער געווען אין מיליטער, פון חשון ביז חשון.

מען האט קיינמאל נישט געגלייבט אז עס וועט זיך אזוי שיין אויפשטעלן יודישקייט נאכן קריג. אין אלע ווינקלען לערנט מען תורה. ביי די יודען נאכן קריג איז געווען זייער גרויס דאס תמימות, רוב יודען זענען געווען עמי הארצים, מען האט צוגענומען פון זיי די בעסטע יארן. עס שטייט אין די תולדות פונעם **חזון איש זצ"ל**, אז ער האט געהאט אויפגעשטעלט אין בני ברק א מיידל היים, פאר די יתומים וואס זענען געבליבן נאך די קריג, און איינער איז זיך געקומען אפרעדן פארן חזון איש, אז די מיידלעך זינגען דארט, און מענער גייען אדורך אויף די גאס, און ער זאל זעהן דאס צו שטערן. האט דער חזון איש געזאגט, געלויבט דער אייבערשטער אז זיי זינגען שוין.

*

בשעות הערב (ליל א' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה דיבר **רבינו שליט"א** ביסוד האחרונים שחידשו שלכן הוצרכו לנס השמן, הגם דקיימא לן דטומאה

הותרה בציבור, דבעת שמחנכין המקדש מחדש אין לחנך בטומאה אף שהותרה בציבור, **ובגליוני הש"ס** (שבת כא:) הביא כמה ראיות ליסוד זה.

והוסיף בזה עוד ממה שמצינו שמילה ניתנה לשמונה, ויש לומר בטעמו דכל זמן שיש בבית טומאת לידה שבעת ימים, אין להכניס התינוק בהתחלת חינוכו לקיום מצות ה'. ובזה יבואר דברי **האליה רבא** (סימן תר"ע) שקבעו שמונת ימי חנוכה זכר למצות מילה שהיא לשמונה. - גם מצינו כעין זה שלא רצה הקב"ה לבנות בית המקדש מאוצרותיו של דוד שהכין לבנין הבית, כיון שלא נתן מהם לעניים להחיותם בעת הרעב (עיין בילקוט רמז קפו), והגם שבודאי בירר דוד שאין לו לבזבז כספיו לעניים, מכל מקום כיון שיש בו פגם, אין לחנך בהם מקדש לה'.

והמשיך בדבריו במה שרמזו במדרש ועל פתחינו כל 'מגדים' זה נר חנוכה, כי השפעת אורה של תורה להבין ולהשכיל, וביותר גילוי אור הגנוז, הכל נשפע בימי חנוכה כמבואר בספרי קודש, על כן מתואר בשם 'מגדים', כי תכונתה להשפיע אור התורה, להיות מתוקה מדבש ונופת צופים.

*

***<u>יום שני פרשת מקץ</u>***

בשעות הערב (ליל ב' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה האריך **רבינו שליט"א** עוד בדברי האחרונים דאין אומרים טומאה הותרה בציבור בחינוך המקדש, ובקושיית **מרן הגר"י שטייף זצ"ל** דהלא מקריבין אף על פי שאין בית, ואם כן מעולם לא נתבטלה קדושת המקדש, ושפיר יש להדליק בטומאה. ודן בארוכה בדין קדושה ראשונה קידשה לעתיד לבא, ובשיטת **הרמב"ן** (**במלחמות** ע"ז נב:) דבביאת פריצים במקדש פקעה קדושת המקדש עצמה ויצא לחולין.

**רבינו שליט"א** הביא מה שאמרו במדרש דמלאכת המשכן נגמר בכסלו, והמתין הקב"ה עד חודש ניסן שבו נולד יצחק, ושילם לחודש כסלו בחנוכת בית חשמונאי. ולכאורה בחנוכה נשלם רק חלק של חנוכת העבודה במקדש, אבל לא חנוכת כל בנין המקדש, דהרי הבית עמד על מכונה, וחסר מהתשלומין כראוי.

וחידש על פי דברי **המנחת חינוך** (מצוה צה אות ח) שכתב, דאפשר דעשיית המנורה והשלחן וכו' אינם מצוה בפני עצמם לעשותם, רק הוא תוצאה מחיוב הדלקת הנרות ועריכת לחם הפנים, לזאת מחוייבים לעשות מנורה ושלחן שיוכלו להדליק בו ולערוך הלחם וכו'. אולם שונה המזבח החיצון שבלי מזבח אין כאן מקדש, והמזבח מעכב את המקדש, ונכלל בציווי ועשו לי מקדש ע"ש. ואם כן כיון ששקצו היונים את המזבח, והוצרכו לחנך את המזבח, בזה חינכו גם עצם המקדש, ולכך מרבים בסעודה בחנוכה זכר לחינוך המקדש כולו כמו בהקמת המשכן.

והמשיך בדברי אגדה דלכך המתין הקב"ה לחנך המשכן לחודש שנולד יצחק דייקא, דזהו עיקר הקרבת הקרבנות, שיחשוב האדם כי מן הדין היה ראוי שייעשה לו כל סדר הקרבן בגלל חטאיו וכמו שכתב **הרמב"ן** (ויקרא א-ט), וענין זה היתה ביצחק, שהיה היחידי מבני אדם שצוה ה' להעלהו לעולה ועמד בנסיון, ובזה צריכין להתבונן בהקרבת הקרבן, שיהא הוא עצמו קרבן לה' במחשבתו הרצויה.

*

***<u>יום שלישי פרשת מקץ</u>***

אחר התפלה התקיים בבית **רבינו שליט"א** האפשערן של בן הר"ר **יואל פייערווערקער** הי"ו (משב"ק).

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק לניחום אבלים אצל משפחת בערנשטיין שיחי', שישבו שבעה על פטירת אחותם ע"ה (אשת הרה"ג **רבי מרדכי לייב ווייס שליט"א** אב"ד אוהעל, לעיקוואד).

***<u>וזה תוכן השיחה:</u>***

**רבינו:** ווען זענט עטץ ארויפגעקומען קיין ארץ ישראל?

**א' האבלים:** מיר זענען שוין ארץ ישראל'דיגע זעקס דורות צוריק. מיין זיידע, רבי פישל בערנשטיין איז געקומען פון אומאן. ער איז געווען ביי די יציאת נשמה פון **רבי נחמן פון ברסלב זצ"ל** אין אומאן. ער איז געווען א סאווראנער חסיד, אבער ער האט געוואוינט אין אומאן. ער האט נישט געהאט קיין קינדער, און דער סאווראנער האט אים געזאגט, אז ער מוז ארויפפארן קיין ארץ ישראל, און ביי די פופציג יאר האט ער געהאט איין קינד. ער איז אוועק תרכ"ב, און ער ליגט אין צפת. ער איז געווען בשעת דער **בת עין זי"ע** איז געווען אין צפת, ער איז

געווען זייער נאנט מיטן בת עין. זיין זון רבי בנימין, איז געווארן א איידעם ביי **רבי משה לעלוב'ער** זון, **רבי יצחק דוד זצ"ל.**

**א' מהנוכחים:** וואו ליגן זיי?

**א' האבלים:** אויפן הר הזיתים, נעבן זכריה הנביא, מען האט אלעס חרוב געמאכט דארט. **רבי משה לעלוב'ער** ציון איז נישט דא היינט.

**רבינו:** מען האט געמאכט דארט א וועג.

**א' האבלים:** זיי זענען געקומען ביז צום **אור החיים הק'**, און ביים **אור החיים הק'** האט זיך דער טראקטאר איבערגעדרייט, איינמאל און צוויי מאל, האבן זיי אויפגעהערט. מען קען זעהן, ביז צום **אור החיים הק'** איז חרוב געווארן.

**רבי משה לעלוב'ער** איז אינגאנצן געווען פיר און זיבעציג טעג אין ארץ ישראל, כנגד די יארן וואס ער האט געלעבט. זיין רעבעצין האט נישט געוואלט אז ער זאל ארויפקומען, דעמאלטס איז די עיקר ישוב געווען אין צפת. אין ירושלים זענען געווען אסאך ספרדים, און מען האט נישט געקענט וואוינען דארט. די רעבעצין האט זייער נישט געוואלט אז ער זאל פארן, און פאר אים איז געגאנגען אין לעבן אריין צו פארן קיין ארץ ישראל.

**רבינו:** דורכדעם איז געבליבן די גאנצע משפחה דארט, און די דורות שפעטער.

**א' האבלים:** אין לעלוב איז געווען א גרויסער עולם, און ווען ער איז אוועקגעפארן, איז רוב עולם אריבער קיין ראדאמסק, צום **תפארת שלמה.**

**רבינו:** עס איז נישט געבליבן איינער וואס זאל איבערנעמען זיין פלאץ?

**א' האבלים:** די קינדער זענען מיטגעפארן מיט אים. דער **תפארת שלמה** איז געווען א תלמיד פון **רבי דוד לעלוב'ער.**

**רבינו:** מען האט געהאלטן לעלוב זייער גרויס אין די מדה פון אהבת ישראל (עיין בספה"ק **תפארת שלמה** לפורים, וזה לשון קדשו: שמענו מפה קדוש הרב הוותיק אוהב ישראל **רבי דוד מלעלוב זלה"ה** שאמר בזה הלשון, איך תאמרו עלי שאני צדיק הדור, אם אני עדיין מרגיש בעצמי אהבת בני וזרעי יותר מבשאר בני ישראל ע"ש).

*

**רבינו:** וואו האט מען איר געלייגט?

**א' האבלים:** אויפן הר הזיתים, נעבן די מאמע.

**רבינו:** דער טאטע (**הגה"צ רבי אהרן בערנשטיין זצ"ל** ר"י חיי עולם) ליגט אויך דארט?

**א' האבלים:** יא, אפאר קברים נאכדעם. דארט האט מען נישט מקפיד געווען אויף ווייבער און מענער, מען האט געלייגט צוזאמען.

**רבינו:** אין רוב בתי חיים האט מען נישט מקפיד געווען.

**א' מהנוכחים:** אין מונקאטש האט מען יא מקפיד געווען.

**רבינו:** עס איז שווער צו פארשטיין די הסבר פארוואס מען זאל אפטיילען. אין מערת המכפלה ליגען צוזאמען אברהם מיט שרה.

**א' האבלים:** די גמרא (בבא בתרא נח.) זאגט, אז רבי בנאה איז געווען אין מערת המכפלה, און ער האט געזעהן דארט אברהם מיט שרה. און אברהם האט געזאגט אויף אים, אז ער ווייסט אז עס איז נישט דא קיין יצר הרע אויף יענער וועלט.

**רבינו:** איך האב געזעהן **מיין טאטע ז"ל** האט זיך פארצייכנט, אז אין **שפתי צדיק** איז דא א צוואה צום סוף (צוואה ה'), און ער שרייבט אז מען זאל אים לייגען נעבן די רעבעצין, און ער צייכענט צו א **מעבר יבק** (סוף פרק ז', ובפרק ט') בשם דעם **זוהר הק'**, אז עס איז א ענין צו ליגן איינס נעבן די אנדערע.

ביים **ישמח משה זי"ע** ליגט די רעבעצין צווישן דעם **ישמח משה** מיט **רבי סנדר'ל קאמארנער זי"ע.** עס האט נישט אזוי געשמעקט פאר די קאמארנער. כאטש מען האט אים געקענט לייגען אויף די אנדערע זייט, האבן זיי עס אינגאנצן נישט געהאלטן פאר א קפידא.

*

כמו כן הלך **רבינו שליט"א** לניחום אבלים אצל משפחת **הגה"צ רבי יוסף מאיר לייפער מטעמעשוואר זצ"ל.**

בשעות הערב (ליל ג' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה השמיע **רבינו שליט"א** דברי פלפול בדברי הגמרא בסוגיא דכבתה, שאביי קיבל ההלכות דכבתה אין זקוק לה ואסור להשתמש לאורה, רק כשאמרוה משמיה דרבי יוחנן, ולא משמיה דרב. ובדברי **השפע חיים** שלא קיימו אז בזמן הנס מצות הדלקת הנרות, כיון שלא היתה בית המקדש כתיקונו, ונעשה הנס הגם שהדליקו רק כזכר למקדש, ולכך תיקנו דאין זקוק לה, כיון דאז לא קיימו המצוה כדינו ע"ש. ולכך קיבלה רק משמיה דרבי יוחנן שסבירא ליה (סוכה מא.) דיש חיוב לעשות זכר למקדש, דציון בעיא דרישה. – והאריך עוד ביסוד

הדברים אי היתה אז חיוב להדליק מדינא או שעשאוהו רק זכר למקדש, דתלוי אי אסרוהו העכו"ם מדינא, ובדין אי אוסר דבר שאינו לו, ובדין באו פריצים וחללהו.

והמשיך בדברי אגדה דההדלקת המנורה צריכה שתהא שלהבת עולה מאליה, לרמז על תורה לשמה שהוא בבחינת גדול מ'על שמים' חסדך (כמבואר בפסחים נ:), והשפעת תורה לשמה פרחית לעילא מעל שמים, ואין להשתמש בכתרה של תורה, הגם שלמד מתחלה לשמה, לא יעשנו אחר כך קרדום לחפור בה.

בשעות הלילה השתתף **רבינו שליט"א** אצל השבע ברכות של בת הר"ר **יצחק דייטש** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **חיים יוסף צבי פרידמאן** הי"ו, שהתקיים באולם מנוחה ושמחה. **רבינו שליט"א** נתכבד באמירת שבע ברכות, ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת מקץ***

בשעות הצהרים מילאו מאות ילדי התשב"ר של מוסדותינו הק' וויליאמסבורג – בארא פארק – מאנסי את היכל בית מדרשנו בוויליאמסבורג, כולם התאספו יחד למעמד ומסיבת חנוכה בראשות **רבינו שליט"א**.

הרב **ראובן אלעזר פריעדמאן** שליט"א מנהל הת"ת בוויליאמסבורג פתח את המעמד, וכיבד את הרב **יעקב יחזקי' אבערלענדער** שליט"א מנהל הת"ת במאנסי לישא מדברותיו. אחר פרקי שיר וזמירות לכבוד היום, השמיע **רבינו שליט"א** דברות קודש לילדי המוסדות. עם סיום המעמד עברו כל תלמידי התתי"ם לקבל מעות חנוכה מידו של **רבינו שליט"א**.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**איך** וויל קודם באגריסן די חשובע קינדער און בחורים וואס זענען זיך צוזאמגעקומען צו די מסיבה פון חנוכה. איך וועל זאגן א געדאנק, וואס יעדער וועט עס קענען מיטנעמען מיט זיך, נישט נאר אויף חנוכה, נאר אויך אויף א גאנץ יאר. מען ווייסט אז די מצוה פון צינדען חנוכה ליכט איז ביי די טיר אויף די לינקע זייט. פון איין זייט איז דא די נר חנוכה, און פון די אנדערע זייט איז דא א מזוזה אויף די טיר, און ביידע מצות טוט מען אינדרויסען פון די שטוב. נר חנוכה דארף מען על פי עיקר הדין צינדען על פתח ביתו מבחוץ, פון אינדרויסען. מען קען נאר נישט היינט צינדען אינדרויסען, צינדט מען אינווייניג. אבער די מצוה ארגינעל איז, צו צינדען חנוכה ליכט אינדרויסען, אויף די לינקע זייט. און אויף די רעכטע זייט איז דא א מזוזה. און די לשון אין שאילתות (וישלח) איז, אז דער בעל הבית מיט זיינע ציצית שטייט אינדערמיט, און אזוי צינדט ער אן די מנורה. קומט אויס, אז מען האט דא צוזאמגעשטעלט א מזוזה מיט חנוכה מיט ציצית צוזאמען, און אזוי צינדט מען די מנורה.

**מען** ווייסט אז חנוכה באשטייט פון דעם וואס די יוונים האבן געוואלט אוועקנעמען תורה פון יודען. כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך, מען זאל פארגעסן פון די תורה, ולהעבירם מחוקי רצונך, אוועקנעמען יודען פון דרך התורה. מען זעהט, אז יודען זענען אדורכגעגאנגען די מערסטע שוועריקייטן אלע יארן, מער פון אלע אומות העולם. אלע פעלקער זענען שוין לאנג אונטערגעגאנגען, עס איז נישט דא קיין איין פאלק וואס זאל עקזיסטירן פון ווען יודען עקזיסטירן, נאר כלל ישראל אליין. מיר זענען די איינציגסטע פאלק וואס מיר זענען ארגינעל פון אברהם אבינו אן זיך אפשטעלן. מי כעמך ישראל גוי אחד בארץ, עס איז נישט דא נאך א פאלק פון די צייטן פון אברהם אבינו, אזוי ווי אונז. און מיר האבן די מערסטע מיטגעמאכט פון אלע פעלקער, עס איז געווען חורבן בית ראשון, חורבן בית שני, השמדות, מען האט גע'הרג'ט מיליאנען יודען, און פון דעסטוועגן דאך זענען מיר נאך אלץ א פאלק, און מיר טוען נאך אלץ די מצות פון די תורה.

**ווי** אלט איז די מצוה פון נרות חנוכה וואס מען צינדט? וויפיל יאר איז שוין אדורכגעגאנגען, פון ווען עס איז געשען די נס פון די מנורה? איבער צוויי טויזנט יאר איז שוין אדורך פון דעמאלטס. זאל מיר איינער זאגען, צו עס איז דא נאך א זאך אויף די וועלט, וואס מען האט געטון מיט צוויי טויזנט יאר צוריק, און היינט טוט מען עס אויך. עס איז נישט דא נאך אזא זאך אויף די וועלט. מען זאל פרעגן יעדע גוי, זאג א זאך וואס דיינע זיידעס האבן געטון מיט צוויי טויזנט יאר צוריק, און דו טוסט אויך די זעלבע זאך פאר דיין רעליגיע. עס איז נישט דא אזא זאך, נאר ביי יודען. ווי אזוי האבן יודען דאס

באוויזען? ווי אזוי איז דאס, אז עס איז דא א כלל ישראל, אזויפיל יארן שפעטער, און פון דעסטוועגן דאך האט מען נישט געקענט אוועקנעמען די קדושה וואס איז דא ביי יודען, עס איז געבליבן לדורי דורות.

**די** תירוץ דערויף איז, ואבדיל אתכם מן העמים להיות לי (ויקרא כ-כו), **דער אייבערשטער האט אפגעטיילט יודען פון די גוים, צו זיין פאר אים פאר א פאלק. און מיט די הבדלה וואס דער אייבערשטער האט אונז אפגעטיילט, האט דער אייבערשטער אונז געגעבן געוויסע זאכן וואס מיט דעם איז אנדערש א יוד פון א גוי. בדרך כלל איז עס אין די דריי זאכען, שם, לשון, מלבוש.** מיר האבן א יודישע נאמען. ווען מען רופט איינעם, רופט מען אים מיט א יודישע נאמען. עס איז נישט דא אזעלכע נעמען אין די גאנצע וועלט, נאר יודען הייסען אזוי. מיר האבען א עקסטערע שפראך, מיר רעדן יודיש. מיר רעדן נישט אזוי ווי דער גוי רעדט, מיר רעדן א יודישע הייליגע שפראך. אמאל האט מען גערעדט לשון הקודש, און היינט רעדט מען יודיש, עס איז א שפראך וואס מיר זענען אפגעטיילט פון אנדערע. און מיר גייען אנגעטון אנדערש פון א גוי אויף דער גאס. יעדער יוד וואס גייט אויף די גאס, דערקענט מען אז ער איז א יודיש קינד. זיין רעקל, זיין הוט, זיין שיך, אלעס איז אויסגעשטעלט אנדערש ווי ביי א גוי. ווען א יוד גייט אויף די גאס, דערקענט מען אז דאס איז א יוד. מען קען זיך נישט אויסמישן צווישן גוים. יעדער יוד גייט מיט פאות, און ער גייט מיט א קאפל, א יוד אויף די גאס דערקענט מען תיכף צו ער איז א יוד אדער נישט. עס איז נישט מעגליך פאר א יוד ווילאנג ער גייט אנגעטון ווי א יוד, און ער רעדט די שפראך וואס א יוד רעד, און ער האט א יודישען נאמען, אז ער זאל זיך קענען אויסמישען צוזאמען מיט די אנדערע פעלקער. און דאס איז געוועזן די כח וואס האט געהאלטען יודען אין אלע צייטן אינעם גלות. א גוי, קוקט אויס ווי א צווייטער גוי, ער רעדט ווי א צווייטער גוי, איז זייער גרינג ער זאל פארפאלען ווערן, און זיך אויסמישן מיט א צווייטען. אבער **יודישע קינדער קענען זיך נישט אויסמישען מיט א צווייטען, ווילאנג מען האלט זיך צו דעם, אז מיר גייען אנדערש אנגעטון, און מיר רעדן אנדערש, און מיר האבן אנדערע נעמען פון זיי, וועט ער אייביג בלייבען א יוד. חס ושלום ווען מען פאלט פונעם וועג, הייבט זיך עס אן, מען טוישט זיך אויף א גוי'שע נאמען, מען הייבט אן צו רעדן ענגליש, מען הייבט אן צו גיין מיט אנדערע מלבושים, אזוי ווי דער גוי גייט, אזוי ווי די מאדע איז, און אזוי הייבט מען אן צו פאלען, און מען גייט אוועק פונעם וועג.**

**עס** שטייט נישט אין די תורה א מצוה אז מען דארף האבען א יודישע נאמען, און אז מען דארף האבען א יודישע שפראך, און אז מען דארף האבן א יודישע רעקל, עס שטייט נישט אין די תורה. אבער די תורה האט אונז געגעבן מצות וואס דאס ווייזט א סימבאל אויף א יוד, אז יעדער זאל דערקענען אז דאס איז א יוד. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די מצוה פון ציצית. יעדער יוד ווען מען קוקט אויף זיינע בגדים, ווייסט מען צו ער איז א יוד, צו נישט. אויף א גוי וועסטו נישט דערקענען פון וואס פאר א פאלק ער איז, אבער אויף א יוד וועסטו דערקענען. אויב ער גייט מיט ציצית, דערקענט מען אז ער איז א יוד. א יודישע שטוב דערקענט יעדער איינער אז דא וואוינט א יוד. מען גיט א קוק צו עס איז דא א מזוזה צו נישט. אויב עס איז דא א מזוזה אויף די טיר, ווייסט ער אז דא וואוינט א יוד. און אויב עס איז נישט דא א מזוזה, ווייסט ער אז דא וואוינט נישט א יוד. די מצוה פון מזוזה ווייזט אונז, אז מיר שעמען זיך נישט מיט אונזער יודישקייט. ויגבה לבו בדרכי ה', איך שטעל ארויס א מזוזה ביי מיין טיר אויף די גאס, אז יעדער וואס גייט אדורך זאל וויסען, אז דא וואוינט א יוד, עס איז דא א מזוזה אויף די טיר. איך גיי אנגעטון מיט ציצית, אז ווער עס גייט אדורך זאל זעהן אז איך בין א יוד, און איך גיי מיט ציצית. דאס האט געהאלטן יודען, אז מען האט זיי דערקענט, אין אלע זמנים האט מען זיך געקענט האלטען.

**האט** מען געגעבן די נרות חנוכה, און מען צינדט עס אויך אן על פתח ביתו מבחוץ, אינדרויסן. ווייל די יוונים האבן געוואלט להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, אוועקנעמען פון אונז די תורה. ווי אזוי האט מען זיך געהאלטען, אז מען האט אונז נישט אוועקגענומען פון די תורה, ווייל מיר האבן זיך נישט געשעמט מיט אונזער יודישקייט, מיר האבן ארויסגעוויזען אונזער יודישקייט, מיר האבן געלייגט א מזוזה אויף די טיר, מיר זענען געגאנגען אנגעטון מיט ציצית, וועגען דעם האבן מיר א נר חנוכה, וואס מען צינדט עס אויך אינדרויסן, על פתח ביתו מבחוץ.

**אז** מען וויל בלייבען א יוד, דארף מען וויסען און געדענקען שטענדיג די דריי זאכען מיט וואס א יוד איז ניכר. עס דערקענט זיך אויף די וועלט, אז איך בין אנדערש פון די גוי. איך וויל זיך מיט אים נישט קערן, איך וויל נישט האבן מיט אים א שייכות. איך הייס אנדערש, איך רעד אנדערש, און איך בין אנגעטון אנדערש. מצות ציצית פאר זיך אליין, וראיתם אותו וזכרתם את כל מצות ה' (במדבר טו-לט), ווען מען קוקט אויף די ציצית, געדענקט מען אלע מצות פונעם אייבערשטען. אזוי שטייט אין חומש, און מען זאגט עס יעדן טאג ווען מען לייענט קריאת שמע, מען דארף קענען פירוש המילות וואס מען זאגט, וראיתם אותו, עטץ זאלטס אנקוקען די ציצית, וזכרתם את כל מצות ה', וועט עטץ געדענקען די מצות פונעם אייבערשטען, ולא תתורו אחרי לבבכם ואחרי עיניכם, אשר אתם זונים אחריהם. אז מען האט ציצית, און מען געדענקט די ציצית, גייט מען נישט אוועק נאך וואס די הארץ גלוסט, און וואס די אויגן גליסטן, והייתם קדושים לאלקיכם, נאר מען בלייבט הייליג פארן אייבערשטען.

**יעדער** פון אונז גייט מיט ציצית, אבער נישט אייביג איז דא די וראיתם אותו, אז מען זעהט עס. **אויב מען קען, דארף מען גיין מיט די ציצית אינדרויסן, מען זאל זעהן אז מען גייט מיט ציצית. מען זאל אליין זעהן, ער זאל עס אליין אנקוקען שטענדיג. ווען ער זעהט די מצוה פון ציצית, טוט עס אים דערמאנען ווי אזוי א יוד דארף זיך צו פירן.** און דאס איז געווען דער ענין פון חנוכה, אז מען האט געקענט בייקומען און אויסהאלטען און אדורכלעבן ביז עס איז געשען די נסים פון חנוכה. און די מצוה איז צו צינדען על פתח ביתו מבחוץ, ווייל מיר האבן נישט באהאלטן אונזער יודישקייט. אינדרויסן ביי די טיר האט מען דערקענט אז דא וואוינט א יוד, א מזוזה איז אויף איין זייט, א יוד מיט ציצית איז אינדערמיט, און נרות חנוכה אויף די צווייטע זייט, דאס גיט די כוחות אז מען זאל זיך קענען האלטען און זיך פירן ערליך.

**ווען** עס קומט חנוכה, און מען צינדט די חנוכה לעכט על פתח ביתו, דארף עס דערמאנען, איך צינד חנוכה לעכט, איך האב א מזוזה וואס ווייזט אז איך בין א יוד, איך גיי אנגעטון ווי א יוד גייט אנגעטון, דאס וועט אונז געבן דעם כח ביז משיח וועט קומען, אז מיר זאלן זיך קענען האלטן אין גלות. אמאל איז געווען גרינג צו זיין א יוד, ווייל אמאל האבן די גוים נישט געוואלט האבן א שייכות מיט א יוד. מען איז געווען אפגעטיילט. מען לעבט היינט אין אמעריקא, אין א מלכות של חסד, עטץ זענטס שוין אלע ערצויגן געווארן דא, מען געדענקט שוין נישט ווי אזוי עס איז געווען אמאל, ווען מען האט געשריגען אויף א יוד ווען ער איז געגאנגען אויף די גאס, און מען האט באליידיגט א יוד, און מען האט זיך געהאלטען אפגעזונדערט, אז אפילו מען האט געוואלט ווערן א גוי, האט ער נישט געקענט ווערן. היינט איז זייער גרינג אוועקצופאלען פון כלל ישראל, און וואס עס האלט אונז, איז נאר דאס וואס מען איז אנדערש פון א צווייטען, און מען דערקענט אויף מיר אז איך בין א יוד, דאס גיט דעם כח אז מען זאל קענען אויסהאלטן אין גלות.

**זאל** דער אייבערשטער געבן, אז מיר זאלן זיך קענען פירן ערליך, און גיין בדרכי התורה. געדענקען אז ביי חנוכה איז מען מוסיף והולך, יעדען טאג צינדט מען מיט נאך א ליכט מער, ווייל אזוי דארף זיין ביי נר מצוה ותורה אור, **קיינמאל נישט זיין צופרידן מיט וואס איך בין שוין אנגעקומען, נאר איך וויל מער שטייגען. איך קען איין מסכתא, און איך וויל קענען נאך א מסכתא. איך קען איין פרק, און איך וויל קענען נאך א פרק. איך וויל ענדיגן חומש רש"י יעדע וואך, איך וויל קענען חומש רש"י יעדע וואך. איך וויל קענען די שיעור וואס מען לערנט, אייביג פראבירן מוסיף והולך צו זיין, צו גיין מער און מער, אויף דעם ווייזן די נרות פון חנוכה.** זאל דער אייבערשטער העלפן, אז מיר זאלן קענען זיין נרות להאיר, צו באלייכטן די וועלט מיט אונזער תורה און מצות, און מיר זאלן זוכה זיין צו זעהן בקרוב ווען משיח וועט קומען, ווי אזוי אהרן הכהן וועט אנצינדען די נרות אין בית המקדש, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב (ליל ד' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה פלפל **רבינו שליט"א** עוד אי היתה חיוב הדלקת הנרות מדינא בזמן הנס, ושזה תלוי בדין אי קדושה ראשונה קידשה לעתיד לבא, ומקריבין אף על פי שאין בית. והאריך באריכות נפלאה בענין אי הוצרכו לקדש

שנית את הבית כדינו בלחמי תודה ובשיר, ושזהו הענין שמרבים בסעודות ביומי דחנוכה זכר לחנוכת המזבח (רמ"א סימן תר"ע), כי בסעודה של לחם מרמזין על קידוש העזרה בלחם ובמנחה, ובריבוי שירות ותשבחות, לרמז על קידוש העזרה בכינורות ובנבלים.

*

***יום חמישי פרשת מקץ***

אחר התפלה התקיים הברית של בניו התאומים של הר"ר **משה שמואל טויבער** הי"ו. **רבינו שליט"א** נתכבד במוהלות ובברכות וקריאת השם. אחר הברית השתתף בהסעודה, ונשא מדברותיו.

***וזה תוכן הדברי תורה:***

**מען** שטייט אין די טעג פון חנוכה, די חכמים האבן קובע געווען אכט טאג ימי חנוכה. עס איז באקאנט די קשיא פונעם **בית יוסף** (או"ח סימן תר"ע), אז די נס איז נישט געווען מער פון זיבן טאג, פארוואס האט מען קובע געווען אכט טאג. דער **אליה רבה** ברענגט צו פון איינע פון די ראשונים, אז איינע פון די דריי מצות אויף וואס די יונים האבן זיך פארלייגט, איז געווען מילה וואס איז ניתנה לשמיני. האבן די חכמים געוואלט מאכן א זכר אויף דעם אויך, אז מען האט געוואלט מבטל זיין מצות מילה, האט מען קובע געווען אז חנוכה זאל זיין אכט טאג, און מיט דעם וועט זיין א זכר, אז די מצוה וואס איז נוגע פאר אכט טאג האבן די יוונים געוואלט מבטל זיין, און עס איז געווען א ישועה אין די טעג, אז דער באשעפער האט אונז מציל געווען פון זיי. עס קען זיין אז עס איז דא נאך א קשר צווישן די מצוה פון מילה מיט די ימי חנוכה.

**עס** שטייט פונעם **מהר"ל** (בספרו **נר מצוה**), אז יעדע זאך וואס איז אין טבע, גייט ביז די מספר פון זיבן. אכט, איז העכער פון טבע. כי ששת ימים עשה ה' את השמים ואת הארץ, וביום השביעי שבת וינפש (שמות לא-יז), די וועלט איז באשאפן געווארן אין זיבן טאג, עס איז דא אויבן אין הימל זיבן מזלות, און די גאנצע בריאה וואס איז טבע, באשטייט אין די מספר פון זיבן. א זאך וואס גייט ארויס העכער פון טבע, דאס איז די מספר פון אכט. ער זאגט עס אקעגן חנוכה אויך, אז וועגן דעם איז דא אכט טעג חנוכה, ווייל עס איז א זכר אויף די נסים, און א נס איז העכער פון טבע, איז עס ממילא די מספר פון אכט. מצות מילה איז די מספר פון אכט, מען מל'ט דעם אכטן טאג, וואס ווייזט אויף דעם אז עס איז העכער פון טבע.

**אברהם** אבינו האט נישט געהאט קיין קינדער, ויוצא אותו החוצה, און דער אייבערשטער האט אים צוגעזאגט, ויאמר לו כה יהיה זרעך (בראשית טו-ה), זאגט רש"י, הוציאו מחללו של עולם, דער באשעפער האט גענומען אברהם אבינו, און ער האט אים אויפגעהויבן פונעם חלל פון די וועלט, בדרך הטבע האט אברהם נישט געקענט האבן קיין קינדער, אברם לא מוליד, אברהם מוליד (ב"ר מד-יב), דער באשעפער האט אים געטוישט דעם נאמען, דער באשעפער האט אים געטוישט זיין גאנצע מהות, דו ביסט העכער פון טבע. און כה יהיה זרעך, נישט נאר דו וועסט זיין העכער פון טבע, נאר דיינע קינדער וועלן אויך זיין אזוי. מיר זענען די איינציגסטע פאלק אין די גאנצע וועלט, וואס האט אמאל געזעהן נסים. ביי אומות העולם האט נישט פאסירט אזא זאך, אז א גוי זאל זעהן א נס. ווייל די וועלט איז א טבע'דיגע וועלט, און נסים איז א זאך וואס געהערט נאר פארן אייבערשטען מיט יודען. ווי עס איז דא נסים, האט עס פאסירט ביי כלל ישראל. ימי פורים, ימי חנוכה, אין בית המקדש איז געווען עשרה נסים שנעשו לאבותינו. דער אייבערשטער האט געזאגט, כה יהיה זרעך, אזוי וועלן זיין דיינע קינדער, אז זיי וועלן אויך זיין חוץ לדרך הטבע.

**די** מלחמה וואס מען האט געהאלטן אקעגן די יוונים, איז געווען חוץ לדרך הטבע. רש"י (דברים לג-יא) זאגט, אז עס איז געווען צוועלף מענטשען פון די בני חשמונאי, נגד כמה רבבות, אקעגן צענדליגע טויזנטער יוונים וואס זענען געווען אין די מיליטער. און אז צוועלף מענטשען זאלן קענען זיגן כמה רבבות, איז עס חוץ לדרך הטבע. נאר אז יודען זענען מקיים מצות מילה, און מילה איז דאך אכט, נעמט מען ארויס יודען פון טבע, און אז יודען זענען העכער פון טבע, איז נישט קיין חילוק צו עס איז טבע, צו עס איז נישט טבע, אלעס קען פאסירן ביי יודישע קינדער. מען זאגט ביים דאווענען, רוממות א-ל בגרונם, וחרב פיפיות בידם, לעשות נקמה בגוים, תוכחות בלאומים (תהלים קמט-ו). חרב פיפיות בידם גייט ארויף אויף מצות מילה, וואס יודען האבן אין די הענט א חרב פיפיות, די סכין פון

מילה איז שארף פוןביידע זייטן. און אז מען האט די מצוה פון מילה, עס איז חרב פיפיות בידם, איז לעשות נקמה בגוים תוכחות בלאומים, קען מען זיגן העכער טבע אויך.

**די** ימי חנוכה האט מען קובע געווען אויף די נסים וואס איז געשען, כשעמדה מלכות יון הרשעה על עמך ישראל להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, ואתה ברחמיך הרבים עמדת להם בעת צרתם, עס איז געווען חוץ לדרך הטבע. פון וואו האט מען געהאט דעם כח אז מען זאל קענען מנצח זיין חוץ לדרך הטבע. ווען א יוד איז מקיים מצות מילה, וואס מילה איז לשמיני, העכער פון טבע, האט מען געקענט זיגן די מלחמה. האט מען קובע געווען אז חנוכה זאל זיין אכט טאג, אזויפיל וויפיל די טעג פון מילה, וואס מילה איז ניתנה לשמיני, נישט נאר סתם געדענקען מילה, נאר אז עס ניתנה לשמיני, אז עס איז דעם אכטן טאג, ווייל דאס איז העכער פון טבע, און אזוי האט מען געקענט זיגן די מלחמה.

*

בשעות הערב (ליל ה' דחנוכה) הדליק **רבינו שליט"א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה המשיך **רבינו שליט"א** בגדר דין באו פריצים וחללוה (ע"ז נב:), ונשא ונתן בכמה קושיות בסוגיא זו, בדברי **הבית יוסף** (יו"ד סימן רע"ו) במחיקת השם על מנת לתקן, ובדברי **המנחת חינוך** (מצוה מ') בדין הנפת ברזל על המזבח קודם שהוקדשו, ועל דבר קושיית **החתם סופר** (בשו"ת יו"ד סימן רל"ג) בדברי רבי יוחנן שאמר לתקן התענית בעשירי באב שבו נשרף רובו של היכל, דהלא תיכף כשבאו פריצים והדליקו הבית, יצאה הבית המקדש לחולין, ובעשירי כבר נשרף בית של חולין, ומה יש לתקן יום זה לתענית.

**רבינו שליט"א** חזר בדבריו על חידושו של **הבית יצחק** בתשובותיו (או"ח סימן י' ובסימן כ"ז) דדין באו פריצים הוא כעין כיבוש מלחמה, וברגע שיצאו הגוים מההיכל חזר הבית לקדושתו הראשונה, ולכן אמרו שמקריבין אף על פי שאין בית, הגם שבחורבן בית שני באו פריצים וחללוה, מכל מקום אחר שיצאו משם חזרה לקדושתו מאליו ע"ש. ולפי זה מיושב כמה דקדוקים בסוגיא, וגם שיטת רבי יוחנן כיון שההיכל שנשרף בעשירי כבר היתה של קודש, דתיכף כשיצאו העכו"ם מהמקדש אחר שהדליקו אותה, עזבו השתלטותם על המקום, חזרה הבית לקדושתו כמקדם.

והמשיך בדברי מוסר במה שחכמינו ז"ל לא קבעו תענית תשעה באב בעשירי, דסבירא להו דאתחלתא דפורעניתא עדיף, על דרך זה הוא גם בחורבנו של אדם, שישים האדם לבו על ההתחלה, שלא יתחיל ליפול ממדרגתו, כי סופו יבא מעצמו. – גם ציטוט מדברי **החינוך** (מצוה מ') בטעם שלא להניף ברזל על המזבח, דהאדם נפעל כפי פעולותיו וכו' ע"ש בארוכה. וכמו כן כתב (במצוה ט"ז) בעשיית הטוב, שאפילו רשע גמור בלבבו, לפי פעולותיו ינטה אל הטוב. וזהו הענין שהצדיקים האריכו לישב אצל נרות חנוכה, שלפי פעולותיו בריבוי ההתבוננות והעיון בניסי ה', יביאהו להתעלות ולהתעצם באמונת אלקי עולם.

*

***שבת קודש פרשת מקץ***

בליל שבת קודש ערך **רבינו שליט"א** באטע בבית המדרש סאמבאטהעלי. **רבינו שליט"א** השמיע דברי תורה בעניני הפרשה, וסיפר כמה סיפורים **מהרה"ק בעל בני יששכר זי"ע** בעניני חנוכה והמסתעף. בברכת המזון נתכבד חדב"ן **הרה"ג רבי אהרן ישעי' ראזנער שליט"א**.

בקריאת התורה התקיים שמחת עליה לתורה של החתן **צבי נ"י** בן הר"ר **ישראל איצקאוויטש הי"ו**. אחר התפלה התקיים קידושא רבא לכבוד השמחה.

בסעודה שלישית האריך **רבינו שליט"א** בדברי תורה בעניני חנוכה, ובטעם שיש קצת מצוה בריבוי הסעודות משום חנוכת המזבח.

בתוך הדברים ביאר הענין שמדליקין שמש בנרות חנוכה, ומניחן למעלה משאר הנרות וכמרומז שרפי"ם עומדים ממעל ל"ו (**קב הישר** פרק צו), על פי מה שכתוב **בדברי יואל** (סימן פט) שבחנוכת החשמונאים הוסיפו להדליק נרות מיוחדים משום שמחת חינוך המקדש, ונס ריבוי השמן נעשה גם עבור נרות הללו. ועל פי דבריו יש לומר שלכך אסרו להשתמש לאורה, כדי שיצטרכו להדליק נר נוסף, שזה יהיה זכר לנרות שהוסיפו להדליק בשעת הנס. ולכך יש קדושה יתירה בנר השמש, שזה לזכרון הנס שנעשה לצורך הדיוט, עבור נרות חולין שהדליקו בחצרות קדשך.

## פרשת ויגש א׳ – ז׳ טבת תשע״ט לפ״ק

*יום ראשון פרשת ויגש*

בשעות הערב (ליל זאת דחנוכה) הדליק **רבינו שליט״א** נרות חנוכה בבית המדרש סאמבאטהעלי. באמירת הדברי תורה פלפל **רבינו שליט״א** בענין טומאת השמן והמנורה, בקושיית המפרשים דטומאה הותרה בציבור, ובענין אי השמן נפסל ביוצא בעת שחיללו ההיכל ויצאה כל המקדש לחולין מדין באו פריצים וחללוה, ובחידושן של האחרונים דדבר שהוא בכלי שרת לא נפסל ביוצא, ועוד.

והמשיך בדברי אגדה בגודל מעלת פרסומי ניסא, שהוא לחזק אמונתינו בידיעת הבורא והשגחתו, וזה נתחזק ביותר בנס חנוכה, וכמו כן בזמן המקדש ראו ענין זה בגלוי, שהיו עומדים צפופים ומשתחוים רווחים, שנס זה נתחדש בכל רגע. ולכן נצטוינו לעלות לרגל, לראות בעיני בשר השגחת ה׳ בעולמו, שלא הסתיר פניו ממנו. ולא יראה את פני ה׳ ריקם, שלא יחשוב כי יש מקום בעולם שהוא ריקם מפני ה׳, אלא השגחתו היא תמידית עלינו.

אחר הדלקת נרות חנוכה נכנס **הרה״ג רבי נפתלי הירצקא פריעדמאן שליט״א** דומ״ץ אוסטריק, ובנו החתן ני״ו, לקבל ברכת הקודש לקראת נישואיו בשעטומ״צ, עב״ג בת **כ״ק האדמו״ר מדושינסקיא שליט״א.**

*

*יום שני פרשת ויגש*

בשעות הצהרים ערך **רבינו שליט״א** סעודת זאת חנוכה, ביחד עם תלמידי הישיבה קטנה והישיבה גדולה, בבית מדרשנו הגדול בוויליאמסבורג. אחר ששרו ניגוני חנוכה וניגוני התעוררות, נשמעו דברי תורה מאת **הרה״ג רבי יואל משה מרדכי שליט״א**. אחר כך השמיע **רבינו שליט״א** דברות קודש. בברכת המזון נתכבד הרה״ג רבי **פישל לעווי** שליט״א (מנהל דישיבה קטנה). בסיום הסעודה חילק **רבינו שליט״א** מעות חנוכה לתלמידי הישיבה.

*וזה תוכן הדברי תורה:*

**מען** האלט אין די לעצטע מינוטן פון די ימי חנוכה, וואס איז געווען גרויסע ליכטיגע טעג. ווען מען שטייט אין סוף פון די צייט, קען מען זיך נאך עפעס אנקלעבן דעריין. עס שטייט אין הייליגע ספרים, אז אין די טעג פון חנוכה ווערט נתגלה דער אור הגנוז. ווען דער אייבערשטער האט באשאפן די וועלט, איז געווען א געוואלדיגע ליכטיגקייט, און עס איז צוגענומען געווארן, ווייל פאר די רשעים איז נישט כדאי, זיי זאלן זיך באנוצן דערמיט. און ווען עס קומט חנוכה, ווערט נתעורר פון דעם ליכטיגקייט. אין יעדן איינעם פון אונז איז אריינגעקומען א לעכטיגקייט, עס איז א אור הגנוז, עס איז באהאלטן ביי אונז, מען דערקענט עס נאכנישט בפועל, מען דערקענט נאכנישט אז עס זאל לייכטן, אבער אינעווייניג אין יעדן מענטש דארף ער וויסען, אז עס איז דא א ליכטיגקייט וואס איז באהאלטן אין אים, און ער דארף זוכן וועגן, ווי אזוי ער זאל קענען ארויסברענגען, אז די ליכט זאל זיך אנצינדען.

**עס** איז דא א לשון אין די גמרא (בבא בתרא קסא:) אז ווען מען שרייבט א שטר, אין די לעצטע שורה פונעם שטר, דארף מען איבערשרייבן די ענינו של שטר, וואס די אינהאלט פונעם שטר איז געווען. ווען עס קומט א יום טוב, און מען האלטביים סוף, דארף מען פאר זיך אליין איבערגיין, מיט וואס גיי איך אהיים פון דעם חנוכה. וואס קען איך מיטנעמען פון די טעג פון חנוכה, וואס איז נוגע פאר יעדן איינעם אין עבודת ה׳.

**חנוכה** באשטייט פון צוויי זאכען. על הנסים ועל הנפלאות ועל המלחמות שעשית לאבותינו בימים ההם בזמן הזה, עס איז געווען די מלחמה וואס מען האט געהאלטן מיט די יוונים, און מען האט געזיגט די מלחמה. און צווייטענס איז געווען די נס פון די נרות, אז עס איז געווען א פך שמן אויף איין טאג, און עס איז געשעהן א נס, אז מען האט געצינדען דערפון אכט טאג. בעיקר רעדט מען אלץ פון די נס פון די נרות, אבר דער אמת איז, אז דער נס פון די מלחמה איז געווען א געוואלדיגער נס. עס שטייט אין רש״י (דברים לג-יא), אז די מלחמה האבן געפירט צוועלף מענטשען, מתתיהו בן יוחנן כהן גדול מיט זיין חברותא, אקעגן כמה רבבות פון די יוונים. די יוונים האבן געהאט א געשולטע מיליטער פון צענדליגער טויזנטער סאלדאטן, און צוועלף מענטשען האבן געפירט א מלחמה און באזיגט די יוונים פון ארץ ישראל. די עצם זאך אז מען זאל האבן מוט ארויסצוגיין אין די מלחמה. צוועלף

מענטשען אקעגן טויזנטער, דאס איז א פארלוירענע מלחמה פון די ערשטע מינוט אן, און עס איז אסאך מאל א בחינה פון מאבד עצמו לדעת. עס קומט א מיליטער מיט כלי זיין, און צוועלף מענטשען שטעלן זיך אקעגן אזויפיל טויזנטער. און פון דעסטוועגן דאך האבן זיי זיך נישט פארלוירן, מען האט געוואוסט אז עס איז נישט דא קיין ברירות. ווען עס קומט להשכיחם תורתך ולהעבירם מחוקי רצונך, טאמער מיר לאזן די יוונים ווייטער גיין, פארגעסט מען פון תורה, און דער אייבערשטער האט אונז צוגעזאגט, כי לא תשכח מפי זרעו (דברים לא-יט), די תורה וועט נישט פארגעסן ווערן. עס איז דא אין אונז א כח, אז מיר זאלן קענען אויספירן און זיגן די מלחמה. אויב נישט, וואלטן זיי נישט ארויסגעגאנגען פירן א מלחמה. און דער אייבערשטער האט געוויזען, אז צוועלף מענטשען האבן געקענט באזיגן די מלחמה.

**די** מוסר השכל דערפון איז, אז עס איז דא אמאל א מלחמה, וואס א מענטש שפירט נישט, אז בדרך הטבע זאל ער עס קענען זיגן, אבער אז ער גייט ארויס אין די מלחמה, איז דא סייעתא דשמיא אז ער זאל קענען זיגן. **יעדער פון אונז האט א טאג טעגליכע מלחמה. דער אייבערשטער האט באשאפן דעם מענטש מיט א יצר טוב און א יצר הרע, און דער יצר הרע איז בדרך כלל שטערקער פונעם יצר טוב, דער יצר טוב איז זייער א וואוילער, און א גוטער, ער דערמאנט אמאל אמאל אז מען דארף לערנען, מען דארף טון א מצוה, און א קרעכצט געבן אויף וואס מען טוט נישט גוט. אבער דער יצר הרע ארבעט מיט אלע זיינע כוחות, ער איז רבבות מאל שטערקער פון דעם כח פונעם יצר טוב וואס איז דא אויפן מענטש. און מען וויל אפילו נישט אנהייבן צו פירן די מלחמה, ער קוקט זיך אן, עס איז פארלוירענע מלחמה, איך האב נישט די כוחות. אזא חומר, איך האב ליב צו עסן און צו שלאפן, תאוות הגוף, און צו זיצן און לערנען איז נישט אזוי גרינג, ער האט נישט די כוחות אז ער זאל קענען באזיגן די מלחמה.**

**נס** חנוכה האט אונז געוויזען, אז מען קען זיגען א מלחמה. אפילו ווען דו קומסט מיט א קליינע מספר, פון דעסטוועגן דאך, אויב דו קומסט לשם שמים, אויב דו ווילסט זיך מתגבר זיין, וועסטו זיגן. א ראיה אז מען קען זיגן, אז מען זעהט אז ערליכע יודען זיגען אזא מלחמה. צדיקים האבן געהאט דעם כח אז זיי האבן זיך געקענט מתגבר זיין אויף די תאוות, אויף אלע נסיונות וואס האט זיך געמאכט אינעם לעבן, זענען זיי געבליבן מיט א שטארקייט, און זיי האבן זיך געקענט מתגבר זיין. **א מענטש האט כוחות, ער וויל זיך נאר נישט פלאגן דערויף, ער גיט אויף זייער שנעל, א מענטש טאר נישט אויפגעבן, ער דארף וויסן אז מען קען זוכה זיין צו כתרה של תורה, מען קען זוכה זיין צו זיין א עילוי, אויסוואקסען א תלמיד חכם.** עס קומט טאקע נישט אן גרינג, אבער מען קען עס באווייזן. דאס איז געוועז דער ענין פון די מלחמות וואס מען דארף אראפלערנען פון די נרות חנוכה, צו וויסען, אז מען קען זיגען. אפילו מיט א קליינעם כח, קען מען זיגן אפילו א שווערע מלחמה אויך.

*

**מען** האט היינט געליינט די פרשה פון די נשיאים. איך האב אזוי געטראכט, דער לעצטער פסוק פון די חנוכת הנשיאים, גייט די תורה אינגאנצן אוועק פון דעם ענין פון די נשיאים. ובבוא משה אל אהל מועד לדבר אתו, ווען משה רבינו איז אריינגעקומען אינעם אהל מועד, וישמע את הקול מדבר אליו, האט ער געהערט דעם קול פונעם אייבערשטען רעדן צו אים, מעל הכפורת אשר על ארון העדות, פונעם כפורת וואס איז געווען אויפן ארון העדות, מבין שני הכרובים, פון צווישן די שני כרובים, וידבר אליו (במדבר ז-פט), און אזוי האט דער אייבערשטער גערעדט צו משה רבינו. רש"י איז מסביר, אז ווען משה רבינו איז אריינגעקומען אינעם אהל מועד, האט ער געהערט א קול וואס איז אראפגעקומען מן השמים אויפן ארון, צווישן די כרובים, און דער קול איז ארויסגעגאנגען פון דארט ביז צו די טיר פונעם אהל מועד, און דארט האט משה רבינו אליין געהערט דעם קול, און קיינער האט נישט געהערט. דאס איז טייטש, אז די תורה וואס דער אייבערשטער האט געגעבן פאר משה רבינו, האט ער געגעבן אויף צוויי פלעצער. א חלק פון די תורה האט משה רבינו מקבל געווען אין הימל, די פערציג טעג וואס ער איז געווען אויבן. נאכדעם האט דער אייבערשטער גערעדט צו משה רבינו פונעם אהל מועד, און דער דיבור איז געקומען פון דעם ארון צווישן די שני כרובים.

**די** שני כרובים, שטייט אין הייליגע ספרים, אז דאס ווייזט אויף צוויי בחורים וואס זיצן און לערנען. די כרובים איז צורת רביא, די צורה פון א קינד. דארט ווי דער ארון איז, ווי עס איז דא די תורה, דארפן זיין שני כרובים, מען דארף זיך אראפזעצן מיט א חברותא, ופניהם איש אל אחיו, איינער אקעגן דעם צווייטען, און מען זיצט און מען לערנט תורה. דאס ווייזט דער ארון מיט די כרובים וואס איז געווען דארט. שנים שיושבים ועוסקין בתורה שכינה עמהם (ברכות ו.), דער אייבערשטער זיצט אויך דארט. מען זיצט נישט צוויי, יעדער האט אויך א שותף, דער אייבערשטער זיצט צוזאמען. מען זאגט יעדן טאג ביי די ברכת התורה, המלמד תורה לעמו ישראל, דער אייבערשטער איז מלמד תורה, ער לערנט תורה מיט יודען. דער אייבערשטער האט אונז געגעבן די תורה, ער איז דער נותן התורה, אבער מיר זאגן די ברכה המלמד תורה לעמו ישראל, אז דער אייבערשטער לערנט תורה מיט יודען. ווען לערנט ער תורה מיט יודען? **ווען צוויי יודען זיצען און לערנען, זיצט דער אייבערשטער דארט צוזאמען, און דער אייבערשטער גיט אריין דעם דעת, ער גיט אריין דעם שכל, אז מען זאל קענען פארשטיין, און האבן השגת התורה.** ווען דעם איז דער קול וואס איז ארויסגעקומען צו משה רבינו, געקומען פון די כרובים וואס איז געווען אויפן ארון.

**מען** זעהט א געוואלדיגען חידוש ביים ארון, מער ווי ערגעץ אנדערש. אין ארון איז געווען א נס תמידי, א טאג טעגליכער נס, ווי אזוי דער ארון איז געשטאנען אינעווייניג אין קדשי קדשים. עס שטייט אין די גמרא (יומא כא.) מקום ארון אינו מן המדה, דער פלאץ פונעם ארון האט נישט פארנומען קיין פלאץ אין קדשי קדשים. דער קדשי קדשים איז געווען גרויס צוואנציג אמה די לענג, און צוואנציג אמה די ברייט, און אינמיטן איז געווען דער ארון. און ווען דער ארון איז דארט געלעגן, און מען האט געמאסטן פון אלע זייטן, האט מען געטראפן אז עס איז געווען צען אמות חלל פון די זייט, און פון די אנדערע זייט איז אויך געווען צען אמות חלל, און פון פארענט און פון אונטען, פון אלע זייטן איז געווען צען אמות. וואו איז געווען דער ארון? מקום ארון אינו מן המדה, דער ארון האט נישט פארנומען קיין פלאץ, עס איז געלעגן דארט בדרך נס. דאס איז געווען א נס וואס איז געווען תמידי. ווען עס איז געשטאנען א בית המקדש מיט א ארון, איז געווען א נס אז דער ארון האט נישט פארנומען קיין פלאץ. אין די גמרא (שם) שטייט נאך מער, אז אויסער די כרובים וואס איז געווען אויפן כפורת, האט שלמה המלך געמאכט צוויי כרובים, וואס מען האט געשטעלט נעבן דעם ארון, און דאס האט אויך נישט פארנומען קיין פלאץ אינעם קדשי קדשים. וואס לערנט דאס אונז? לא עביד קודשא בריך הוא ניסא למגנא, דער אייבערשטער מאכט נישט קיין נסים אומזיסט, פון יעדען נס דארף מען זיך עפעס אפלערנען.

**עס איז דא אסאך מאל וואס דער יצר הרע רעדט צו פארן מענטש, אז אין דיין מצב ווי דו שטייסט, און וואו דו ביסט, קענסטו נישט מצליח זיין. ווען עס וואלט געווען אנדערש דיין מצב, דעמאלטס וואלסטו געקענט מצליח זיין. אין 'די' ישיבה קען איך נישט מצליח זיין, ערגעץ אנדערש וואלט איך מצליח געווען. מיט 'די' חברותא קען איך נישט מצליח זיין, ווען איך וואלט געהאט א אנדערע חברותא וואלט גוט געווען. איך האב 'די' מגיד שיעור, ווען איך וואלט געהאט א צווייטע מגיד שיעור וואלט בעסער געווען. ווען איך וואלט געהאט א אנדערן שלאפן אין מיין שטוב, וואלט אנדערש געווען. דאס איז די וועג פונעם יצר הרע, אראפצוקלאפן דעם מענטש, זוכן שטענדיג א תירוץ אויף וואס ער טוט, אז מיין מצב אזוי ווי איך בין יעצט, איז נישט גוט. ווען איך וואלט געהאט א אנדערע מקום, איך וואלט געהאט א אנדערען וועג, דעמאלטס וואלט איך געקענט מצליח זיין.**

**עס** שטייט אין **ייטב לב** (סוף פ' ואתחנן), ואהבת את ה' אלקיך בכל לבבך (דברים ו-ה), זאגט רש"י, שלא יהיה לבך חלוק על המקום, דו זאלסט ליב האבן דעם אייבערשטען, דיין הארץ זאל נישט זיין אפגעטיילט פונעם באשעפער. זאגט ער, מקום איז טייטש דער אייבערשטער, און מקום איז טייטש דער פלאץ. א מענטש זאגט אסאך מאל, אז ער האט א סיבה פארוואס ער קען נישט זיין א עובד ה', ווייל דער מקום איז עס גורם. מיין שטוב איז נישט צוגעפאסט דערצו. ווען איך וואלט געוואוינט אין א אנדערע שטוב, וואלט איך אנדערש אויסגעקוקט. דער מקום ווי איך לערן, און דער מקום ווי מיין חברותא איז, אלץ וועט ער זיך אפרעדן אויף עפעס, כדי ער זאל זיך פארענטפערן, פארוואס ער איז נישט מצליח. דאס איז אלעס שקר. ווייל **ווען א מענטש וויל**

**מצליח זיין, איז ער מצליח אפילו אויף א שפיץ בארג. און טאמער האלט ער נישט ביים ארבעטן, זאל מען אים צושטעלן די בעסטע זאכן וואס ער וויל, די בעסטע מגידי שיעור, און די בעסטע חברותא, וועט ער נישט מצליח זיין.** די הצלחה פונעם מענטש איז דער רצון. אין לך דבר שעומד בפני הרצון (זוה"ק ח"ב קסב:), אז ער האט א רצון, איז נישט דא א מקום אויף די וועלט וואו ער זאל נישט קענען אנקומען. **צדיקים זענען אויסגעוואקסען גדולי ישראל, אפילו זיי האבן נישט געהאט א צענטל מעגליכקייטן פון וואס מיר האבן היינט. מען האט נישט געגעסן, און מען האט נישט געהאט וואו צו שלאפן, און מען האט נישט געהאט מיט וואס צו הייצן, און פון דעסטוועגן דאך איז מען געזעסן און געלערנט טאג און נאכט, ווייל מען האט געהאט א געוואלדיגען רצון אויסצוואקסען א תלמיד חכם. ער האט געוואלט אויסוואקסען א תלמיד חכם, ער האט געוואלט קענען ש"ס, זענען זיי אויסגעוואקסען תלמידי חכמים. ווען א בחור האט נישט דעם רצון, אז ער וויל קענען די מסכתא אדורך און אדורך, ער וויל קענען גאנץ ש"ס, נאר עס איז גוט אזוי אויך, איך מוז נישט קענען גאנץ ש"ס, אז איך וועל קענען האלב וועל איך אויך זיין צופרידן. אז איך וועל קענען ענטפערן די בחינה, בין איך אויך צופרידן, וואקסט מען נישט אויס.** א יוד דארף וויסען אז יעדער האט די מעגליכקייט אנצוקומען, און עס איז נישט קיין נפקא מינה אין וועלכען מקום דו ביסט.

**דער** אייבערשטער האט געוויזען, אז דער ארון וואס עס איז דא דערויף די כרובים, וואס דאס איז דער פלאץ וואו מען לערנט. די כרובים זענען די חברותא, וואס זענען פניהם איש אל אחיו. דאס האט נישט קיין מקום, עס האט נישט פארנומען קיין שום פלאץ. צו ווייזען, אז תורה איז נישט פארבינדן מיט א פלאץ, תורה איז פארבינדן מיט דיין רצון. ווען מען וויל וואקסען אין תורה, דעמאלטס שטייגט מען, און נישט זיך פארענטפערן, אז דער מקום איז גורם אז איך קען נישט צוקומען דערצו, מיין מצב איז גורם אז איך קען נישט וואקסען. ווייל א יוד קען וואקסען וואו ער וויל, ער דארף נאר האבן דעם רצון. און דאס האט געוויזען די מלחמה פון די חשמונאים, אז זיי זענען געווען צוועלף מענטשען, וואס עס איז נישט געווען מעגליך במציאות אז מען זאל קענען זיגן א מלחמה, אבער זיי האבן געהאט דעם רצון ארויסצוגיין, מיר גייען מיט מסירת נפש זיגן די מלחמה, האבן זיי געזיגט. דאס דארף מען מיטנעמען פון די נרות חנוכה, מען זאל נישט נאכלאזן פון די שווערע מלחמה.

**די** ימי הבחרות זענען א שווערע מלחמה וואס מען גייט אדורך, [מען זאל נישט מיינען אז שפעטער ווערט גרינגער, דער יצר הרע האט חתונה צוזאמען מיט דיר, ער גייט מיט צוזאמען, אבער על כל פנים אין די יונגע יארן, פאר מען האט זיך געשטעלט אויף די פוס, איז עס שווערער], און מען טאר נישט פארלירן דעם חשק פון גיין ווייטער. נישט זאגן, אין מיין מצב קען איך נישט. **עס איז נישט דא אזא זאך 'מיין מצב', דער אייבערשטער האט דיך אראפגעשטעלט אויף די וועלט, ער האט דיך געשטעלט אין דעם מצב וואו דו ביסט, איז א סימן אז דארט דארפסטו זיין, אין דעם מצב דארפסטו זיין, און דו האסט דעם מעגליכקייט, דא אין דעם מצב וואו דו ביסט, קענסטו אויסוואקסען, און צוקומען צום גרעסטן וואס מען קען צוקומען.** דער באשעפער האט געוויזען, אז דער ארון מיט די כרובים האט נישט קיין מקום, עס איז אינו מן המדה, עס איז נישט אריינגעמאסטן אינעם פלאץ. וואו אזוי שטייט עס? בדרך נס. אז מען וויל לערנען, די כרובים זענען דא, מען זיצט אויף די תורה, און עס איז פניהם איש אל אחיו, מען דרייט זיך נישט אויס פניהם לבית, ער דרייט זיך נישט אויס אהיימצוגיין אין שטוב אריין, זיין פלאץ איז נישט אינדערהיים, זיין פלאץ איז אינעם בית המדרש, דארט קען מען אויסוואקסען און שטייגען אין תורה. דאס האט געוויזען די מקום ארון וואס איז נישט מן המדה.

**מען** גייט אוועק פון די ימי חנוכה, עס הייבט זיך אן א לאנגער ווינטער, עס איז א עיבור יאר, דארף מען וויסן אז מיר האבן געוואלדיגע מעגליכקייטן צו שטייגען. מיט א אמת'דיגען רצון, האט מען די מעגליכקייט. עס איז נישט קיין נפקא מינה ווי אזוי די צוויי חדשים זענען אדורכגעגאנגען, צו מען האט מצליח געווען מער אדער ווייניגער, ב"ה יעדער לויט זיין מצב און מדריגה, האט מצליח געווען. און **מען דארף אנהייבן מיט א התחדשות, אנהייבן כאילו עס איז היינט דער ערשטער טאג אין זמן, זיך ווייטער אריינווארפן אין תורה, קענען דעם זמן די מסכתא וואס מען לערנט, און די שיעורים וואס מען לערנט,**

**איך וויל אויסוואקסען א תלמיד חכם. איך גיי זיך אריינלייגען אין עבודת התפלה, דאווענען ווי א יוד דארף צו דאווענען, די גאנצע קאפ זאל זיין דארט בשעת מען דאווענט. ארבעטן אויף די מדות, לערנען פאר זיך מוסר ספרים, זיך אויסארבעטן די מדות, צו זיין א איידעלער יוד, נישט זיין אזוי ווי מען ווערט באשאפן, א עיר פרא אדם יולד** (איוב יא-יב), **מיט שלעכטע מדות.** אז מען איז זוכה דערצו, אז דער אייבערשטער גיט די כוחות אז מען זאל קענען זיין נרות להאיר, מען זאל קענען לייכטן, מוסיף והולך זיין, איין לעכטל און נאך א לעכטל, נאך א בלאט גמרא, און נאך א מסכתא, וועט מען זוכה זיין מיטצונעמען דעם אור הגנוז, די ליכטיגקייט וואס ליגט ביי אונז אריינגעלייגט. עס איז באהאלטן ביי אונז, לאמיר עס מאכן שיינען, לאמיר עס ארויסנעמען פון אונז, און עס אויפארבעטן אז מיר זאלן קענען זיין אמת'דיגע נרות פארן אייבערשטען, מיר זאלן קענען באלייכטן די וועלט. זאלן מיר אלע זוכה זיין צו ערכתי נר למשיחי, און בקרוב אקעגן גיין משיח צדקנו, במהרה בימינו אמן.

*

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל הבר מצוה של בן הר"ר **נתן גראזינגער** הי"ו, שהתקיים באולם שיקס מענאר, ונשא מדברותיו.

***<u>וזה תוכן הדברי תורה:</u>***

**עס** איז היינט געווען זאת חנוכה, אין די מפרשים איז דא כמה טעמים, פארוואס מען האט עס גערופן זאת חנוכה. איין טעם איז דא, ווייל לעולם פרעגט מען די קשיא, עס איז נאר געווען זיבן טעג א נס, ווייל אויף איין טאג איז דאך געווען א פך שמן, פארוואס האט מען קובע געווען חנוכה אכט טאג. ברענגען צו די ראשונים, אז איינע פון די מצות אויף וואס די יוונים האבן גוזר געווען, איז געווען אז מען זאל זיך נישט מל'ן. און מילה איז ניתנה לשמיני, מען מל'ט דעם אכטן טאג, האט מען געוואלט ווייזן א זכר אויף דעם, אז מען האט געוואלט מבטל זיין מצות מילה, וואס דאס איז דער שורש פון כלל ישראל, האט מען קובע געווען אז חנוכה זאל זיין אכט טאג. מצות מילה ווערט אנגערופן 'זאת', זאת בריתי (ישעיה נט-כא). זאת חנוכה, ווען מען האלט ביי דעם אכטן טאג, און מען פרעגט פארוואס האט מען געמאכט אכט טאג, עס איז נאר געווען דער נס זיבן טאג, זאגט מען, אז מען האט געוואלט מרמז זיין מצות מילה וואס איז ניתנה לשמיני, האט מען צוגעגעבן נאך א טאג פאר חנוכה.

**עס** קען זיין א קשר צו דעם. דער **חידושי הרי"ם** ברענגט צו פונעם **רבי פון קאצק**, אז ער האט געזאגט א טעם, פארוואס מען האט נישט געקענט נוצן די אלע שמנים וואס מען האט מטמא געווען, טומאה איז דאך הותרה בציבור (יומא ו:), און אז ציבור איז געווען טמא, האט מען געקענט נוצן די טמא'נע שמנים אויך. ברענגט ער צו, אז ער האט געהערט פונעם **רבי פון קאצק**, אז די הלכה אז טומאה איז הותרה בציבור, איז נאר ווען דער בית המקדש איז קיים, און עס מאכט זיך א פראבלעם מיט א טומאה, זאגט מען אז טומאה איז הותרה בציבור. אבער בשעת מען דארף מחנך זיין א נייעם משכן, א מקדש פארן אייבערשטען, די יוונים האבן מחלל געווען די עבודה אין בית המקדש, מען האט מחלל געווען דעם בית המקדש אליין, און מען דארף יעצט אנהייבן א פרישע עבודה. א פרישע זאך פון חינוך קען נישט זיין מיט א טומאה, זאגט מען נישט טומאה הותרה בציבור. ממילא האט געמוזט געשעהן א נס, אז מען זאל קענען צינדען בטהרה.

**מען** זעהט ביי מצות מילה, אז דער אייבערשטער האט געגעבן די מצוה צו אכט טאג, די גמרא (נדה לא:) שטעלט זיך שוין, פארוואס מען האט נישט געגעבן פריער די מצוה פארן קינד. זאגט די גמרא, ווייל בשעת א קינד ווערט געבוירן איז דא טומאת לידה, און כדי עס זאל נישט זיין יעדער שמחים, און אביו ואמו עצבים, האט מען אפגעשטופט צו מל'ן דעם אכטן טאג.

**לויטן חידושי הרי"ם** קען מען זאגן, אז וועגן דעם האט דער אייבערשטער געגעבן מצות מילה דעם אכטן טאג, ווייל חינוך קען נאר זיין בטהרה. ווען מען מל'ט א קינד, מען איז אים מחנך דאס ערשטע מאל, אריינצוברענגען אין אים מסירת נפש פארן אייבערשטען. ווילאנג אין שטוב געפונט זיך א טומאה, עס איז דא טומאת לידה, קען מען נישט אריינברענגען א קינד מחנך זיין צו קדושה. ווייל מחנך זיין א קינד צו קדושה, דארף די שטוב זיין א ריינע שטוב, א שטוב פון טהרה, דעמאלטס קען מען מחנך זיין, עס קען אריינגיין אינעם קינד מצות מילה.

פונקט ווי מיר זעהן ביי טומאה הותרה בציבור, אז חינוך קען מען נישט טון אפילו מיט א זאך וואס איז מותר, עס איז דא אמאל א טומאה וואס איז מותר, מען האט נישט קיין ברירה, און מען האט מתיר געווען אריינצוברענגען די טומאה אינעם שטוב, אבער חינוך קען נישט זיין מיט טומאה הותרה בציבור, די זעלבע זאך, מחנך צו זיין קינדער, דארף זיין די שטוב א ריינע שטוב.

**קומט** אויס, אז ביי מצות מילה, דארט האט די תורה אונז געלערנט אז מען מל'ט אים די אכטע טאג, ווייל ווען עס איז דא טומאה אין שטוב קען מען נישט מחנך זיין. דאס האט געוויזן, פארוואס מען האט נישט געקענט נוצן חנוכה די טמא'נע שמן, ווייל מחנך זיין, קען מען נישט מיט טומאה, עס מוז זיין אז אלעס זאל זיין בטהרה.

**ווען** מען גייט אוועק פון חנוכה, דארף מען מיטנעמען דעם לימוד, פארוואס האט מען געדארפט האבן די נס פון חנוכה, מען האט דאך געקענט נוצן די אלע שמנים וואס מען האט מטמא געווען, איז דאך נאר, ווייל עס קומט אונז צו לערנען אז חינוך דארף זיין בטהרה. אזוי ווי מען זעהט ביי מילה, זאת בריתי, וואס דארט איז אויך, אז קודם דארף מען מטהר זיין די שטוב, און נאכדעם קען מען אריינברענגען דאס קינד בבריתו של אברהם אבינו. 'זאת חנוכה', דאס איז חנוכה, דאס דארף מען זיך אראפלערנען, און וויסען אז חינוך פון קינדער, אריינברענגען אהבת ה' און יראת ה', מיט טומאה הותרה בציבור קען מען עס נישט אריינברענגען, אפילו עס איז דא א היתר דערויף. ווי ריינער און הייליגער די שטוב איז, מאכט עס מער רושם אויף דעם חינוך פון די קינדער.

*

***יום שלישי פרשת ויגש***

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

אחר מעריב נסע **רבינו שליט"א** לניו דזשערסי והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יהודה צבי בערטראם** הי"ו (חתן הר"ר אהרן הערש עלבאגען הי"ו), עב"ג בן הר"ר **בן ציון לעווינגער** הי"ו, שהתקיים באולם ראקלי קאנטרי קלאב.

**רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק והשתתף אצל החתונה של בן **הרה"ג רבי בן ציון משה הלברשטאם שליט"א** (בן הגה"צ אב"ד פאקשאוויניץ שליט"א, חתן ש"ב הגה"צ אב"ד טעטש זצ"ל), עב"ג בת **הרה"ג רבי חיים שלמה הורוויץ שליט"א** (חתן הגה"צ רבי חיים יהושע באב"ד שליט"א רב דקהל מנחת חינוך), שהתקיים באולם עטרת חי'. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

אחר כך חזר **רבינו שליט"א** לוויליאמסבורג, והשתתף אצל החתונה של בת הר"ר **יחיאל יוסף דאמב** הי"ו, עב"ג בן הר"ר **אברהם חיים זאב גליק** הי"ו, שהתקיים באולם פרדס פיגא. **רבינו שליט"א** רקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום רביעי פרשת ויגש***

אחר התפלה שימש **רבינו שליט"א** במוהלות אצל הברית של בן הרב **ברוך יהודא הלברשטאם** שליט"א (בן הגה"צ אב"ד טשאקאווא שליט"א), שהתקיים בבית המדרש דיערעש.

בשעות הצהרים השתתף **רבינו שליט"א** אצל אסיפת הרבנים בענין גזירת החינוך בעיר ניו יארק, שהתקיים בבית **כ"ק האדמו"ר מסאטמאר שליט"א**.

בשעות אחר הצהרים נסע **רבינו שליט"א** לישיבה גדולה, ומסר שיעורו היומי בשלחן ערוך. אחר כך התפלל תפלת מנחה בישיבה קטנה, ומסר שיעורו היומי במשנה ברורה.

בשעות הערב שימש **רבינו שליט"א** בסידור קידושין אצל החופה של החתן **צבי** ני"ו בן הר"ר **ישראל איצקאוויטש** הי"ו, עב"ג בת הר"ר **חיים מענדל פריעדמאן** הי"ו, שהתקיים באולם אימפיריעל. - אחר מעריב חזר **רבינו שליט"א** להחתונה ורקד עם החתן והמחותנים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה.

*

***יום חמישי פרשת ויגש***

לפני תפלת שחרית הניח **רבינו שליט"א** תפלין להבחור **גרשון** ני"ו, בן הר"ר **יואל אבעלעס** ני"ו. אחר התפלה

הסיב **רבינו שליט"א** למסיבת לחיים, והאציל מברכותיו לבעלי השמחה. אחר כך השמיע דברי הדרכה להבחור הבר מצוה, ונתן לו דורן דרשה.

בשעות הערב נסע **רבינו שליט"א** לבארא פארק ומסר שיעורו השבועי **באור החיים הק'** בבית מדרשנו זכרון יהודא.

*__מתוך השיעור:__*

**... אין** די מפרשים שטייט, אז יהודא האט געזאגט פאר יוסף, ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני, איך וויל רעדן צו דיר אליין, איך וויל נישט קיין מליץ אינדערמיט, כי כמוך כפרעה (בראשית מד-יח). רש"י זאגט, אז עס איז דא אפאר פשטים אין כי כמוך כפרעה. איינס, דו ביסט אזוי חשוב אזוי ווי דער קעניג. די צווייטע פשט איז, אז דו וועסט באקומען קלעפ, אזוי ווי פרעה האט באקומען קלעפ, דורך מיין באבע שרה. א דריטע פשט, אז פרעה איז גוזר ואינו מקיים, מבטיח ואינו עושה, דו ביסט אויך אזוי, דו זאגסט ואשימה עיני עליו, און צום סוף ווילסטו אים האלטן פאר א עבד. א פערטע פשט, אז איך וועל דיך הרג'ענען צוזאמען מיט פרעה.

**די** וועלט זאגט, עס איז דאך דא פיר פשטים אין כי כמוך כפרעה, וואס האט ער טאקע אינזין געהאט. זאגט די וועלט, אז ווען מען רעדט פאליטיק צו יענעם, זאגט מען אזא לשון, וואס מען זאל עס קענען אויסטייטשן אויף אלעם, אז ער זאל אים נישט קענען כאפן, אז ער האט געזאגט א זאך וואס פאסט נישט. ער האט אים געזאגט כי כמוך כפרעה, איך האב אינזין כי כמוך כפרעה אז דו וועסט באקומען קלעפ אזוי ווי פרעה, עס לוינט זיך דיר נישט די גאנצע געשעפט. עס פאסט דאך אבער נישט אזוי צו רעדן, זאלסטו אויסטייטשן כי כמוך כפרעה, אז דו ביסט חשוב אין מיינע אויגן אזוי ווי פרעה. מען זאגט פאר יענעם אזא לשון, אז מען זאל נישט קענען יענעם פארהאלטן שפעטער, אזוי האסטו גערעדט?! ניין, איך האב נישט דאס געמיינט, איך האב געמיינט עפעס אנדערש.

**איך** האב געזעהן שטיין נאר טיפער'ס דערין. געוויינליך א מליץ, ווען עס איז דא איינער אינדערמיט, קען מען נישט איבערגעבן יענעמס ווערטער, אזוי ווי מען זאגט עס אליין. ווען א מענטש זאגט אליין, קען ער זיך גוט מסביר זיין, ארויסברענגען וואס ער וויל זאגן. אבער דער מליץ מוז שוין איבערטייטשן וואס יענער האט געמיינט, און וואס יענער האט געוואלט. ווען א מליץ איז דא אינדערמיט, פעלט א חלק פון די דיבורים וואס דער מענטש זאגט. האט יהודה געזאגט, ביז יעצט האבן מיר אלץ גערעדט מיט א מליץ, איך שפיר אז אויב עס וועט זיין דא א מליץ אינדערמיט, וועסטו נישט באקומען דעם מעסידז"ש וואס דו דארפסט באקומען. ווען איך וועל רעדן צו דיר פערזענליך, וועל איך קענען ארויסברענגען וואס איך וויל.

**איך** וועל דיר ברענגען א ראיה דערויף, אז א זאך וואס א מליץ זאגט, קען מען נישט געהעריג אפטייטשן. איך וועל זאגן דריי ווערטער, 'כי כמוך כפרעה', שטעל דיך פאר, אז דער מליץ וועט עס איבערטייטשן, ער קען דיר זאגן פיר פשטים אין דעם כי כמוך כפרעה. ער קען זאגן, אז איך האב געמיינט דיך צו רימען, אז דו ביסט זייער חשוב אזוי ווי פרעה. און מען קען זאגן, אז דו וועסט באקומען קלעפ אזוי ווי פרעה. און מען קען זאגן, אז דו ביסט אזא אוממענטש ווי פרעה, דו ביסט א גוזר ואינו מקיים. און מען קען זאגען, אז איך גיי דיך הרג'ענען צוזאמען מיט פרעה. איך וועל דיר זאגן 'כי כמוך כפרעה', און דו וועסט זעהן וויפיל פשטים דער מליץ קען אריינלערנען, און איך וויס נישט וואס ער וועט דיר יא זאגן, און וואס ער וועט דיר נישט זאגן. ממילא ידבר נא עבדך דבר באזני אדוני, איך וויל רעדן צו דיר פערזענליך, ואל יחר אפך בעבדך, פארוואס איך רעד אליין, ווייל קוק אן 'כי כמוך כפרעה', ווען איך וועל זאגן אז דו ביסט אזוי ווי פרעה, וואס וועט דער מליץ זאגן? דער מליץ קען עס איינטייטשן אויף אזויפיל פשטים, וואס איך האב גארנישט געמיינט אז עס ליגט דערין, וועגן דעם וויל איך רעדן צו דיר פערזענליך.

**דער** ווארט פאר זיך, איז א מוסר השכל. **מען הערט אסאך מאל נאכזאגן, אז יענער האט געזאגט אזוי, און עס איז טאקע אמת אז יענער האט אזוי געזאגט, אבער דעם אויסטייטש פון יענעמס ווערטער, דאס געבן שוין מענטשען צו. און דאס ברענגט קנאה און שנאה, און אלע פראבלעמען וואס איז דא צווישן איינעם און דעם צווייטען. יענער האט געזאגט א ווארט, און עס ווענדט זיך ווי אזוי ער האט עס געזאגט, און עס**

**וועדנט זיך צוליב וועלכע סיבה ער האט עס געזאגט, און מען באקומט נאר א טריקענעם מעסידז"ש אז יענער האט געזאגט אזוי און אזוי, און עס טוט אסאך מאל וויי צו הערן. אבער ווען א מענטש לייגט זיך אריין, און ער הערט אויס פונקטליך וואס די מעשה איז געווען, זעהט ער, אז עס איז נישט אזוי געווען אינגאנצן, ער האט נישט אזוי געזאגט, און ער האט עס נישט געזאגט מיט דעם ניגון, און ער האט עס געזאגט אויף א צווייטע זאך וואס יענער האט אים געפרעגט. עס איז מעשים בכל יום ווי אזוי זאכען גייען. און דאס ברענגט די אלע שנאות וואס איז דא, אז מען הערט זאכען וואס יענער האט געזאגט, און עס קען זיין אמת אז יענער האט עס געזאגט, אבער ווי אזוי ער האט עס געזאגט, און אין וועלכע אומשטענדן ער האט עס ארויסגעברענגט, מיינט עס גארנישט די זעלבע, ווי מען באקומט עס שפעטער.**

**עס** שטייט אין די ראשונים, לא תשנא את אחיך בלבבך (ויקרא יט-יז), דו זאלסט נישט פיינט האבן דיין ברודער אין דיין הארץ. נאר אינעם הארץ זאל ער אים נישט פיינט האבען, במעשה מעג מען אים יא פיינט האבן? וואס איז דער לא תשנא את אחיך בלבבך. טייטשן די ראשונים, ווען דו האסט א שנאה אויפן חבר, ער האט דיר געטון א עוולה, האלט עס נישט בלבבך, האלט עס נישט אין דיין הארץ, נאר שמועס עס אויס מיט אים. איך הער אז דו האסט מיר געטון אזוי און אזוי, דו האסט געזאגט אזוי און אזוי, פארוואס האסטו עס געטון? רוב מאל וועסטו געוואר ווערן, אז ער האט עס נישט געזאגט, צו ער האט עס נישט געמיינט, ער האט נישט געוואלט, עס איז גארנישט דאס וואס דו טראגסט דיך ארום מיט א שנאה. לא תשנא את אחיך, האב נישט פיינט דעם חבר, און בלבבך, דו האלטסט עס אינעם הארץ, און דו שמועסט נישט אויס וואס עס האט געברענגט די שנאה. **אויב עס איז דא א פראבלעם איינער מיטן צווייטען, רעד עס אויס, שמועס עס אויס, וועסטו על פי רוב געוואר ווערן, אז די שנאה איז געווען א אומזיסטיגע שנאה.** וועגן דעם האט יהודא געזאגט צו יוסף, איך וויל רעדן צו דיר פערזענליך, איך וויל רעדן צו דיר אליין, כי כמוך כפרעה, ווייל טאמער מען רעדט דורך א מליץ, קען מען אסאך מאל פארדרייען די ווערטער וואס מען האט געמיינט צו זאגן.

*

***שבת קודש פרשת ויגש***

בשעות הצהרים נסע **רבינו שליט"א** להרי הקעטסקילס לשהות ב'שבת התוועדות' יחד עם תלמידי הישיבה גדולה.

בתחלה נסע **רבינו שליט"א** למחנה מתיבתא נחלת יעקב בלאק שעלדריק, לראות בגמר מלאכת הבניה בנין המקוה החדש שנבנה ברוב פאר והדר בקרב המחנה לטובת בחורי הישיבה. משם נסע **רבינו שליט"א** למחנה בית רחל בסאוט פאלסבורג לשבות את שבתו עם תלמידי ישבתנו הק'.

לתפלת מנחה בערב שב"ק עבר **רבינו שליט"א** לפני התיבה. המנהל **הרה"ג רבי אלימלך שפיטצער שליט"א** פתח את השבת, וכיבד את **הרה"ג רבי אברהם דוד הורוויץ שליט"א** (ר"מ בישיבתנו הק') בדברי פתיחה, והביע גודל מעלת השבת מרוממת כזו, וראוי לכל אחד לנצל השעות הנעלים של יום השבת כראוי.

בסיום התפלה אחר אמירת גוט שבת, נכנס **רבינו שליט"א** לערוך את שולחנו יחד עם תלמידי הישיבה, שעברה ברוב התרוממות הנפש, באמירת דברי תורה ובניגוני שיר ושבח ליום השבת. במשך הסעודות השמיע **רבינו שליט"א** שיחות קודש בדברי מוסר וחסידות מפי ספרים וסופרים בעניני הפרשה. בסעודת ליל שב"ק נאמו **הרה"ג רבי יואל וואלפין שליט"א, והרה"ג רבי יוחנן טווערסקי שליט"א.** ובסעודת יום שב"ק נאמו **הרה"ג רבי יעקב יצחק אלבוים שליט"א, והרה"ג רבי אשר מאיר סעקולא שליט"א.**

לעת נטו צללי ערב הסיבו תלמידי הישיבה לסעודת רעוא דרעוין שנערכה בהתעוררות רב בחשיכה כאורה. באמירת דברי תורה הארוך **רבינו שליט"א** בדברי הדרכה ומוסר לתלמידיו הנאמנים.

***ציטוטים מתוך הדברי תורה בסעודה שלישית:***

**... אזוי איז אלץ געווען דער סדר ביי ערליכע אידן, מען האט געזוכט תורה און עבודת ה'. וואו מען האט געקענט שעפן, איז מען געגאנגען הערן. מען האט געהאט אייגענע רבי'ס, אבער ווי מען האט געטראפן אן ערליכן איד, האט מען זיך צוגעשארט צו אים, וואס קען איך פון אים מקבל זיין תורה, וואס קען איך מקבל זיין מוסר, הדרכה, אפילו פון אויסער לערנען, איז דא אזויפיל וואס מען דארף זיך קונה זיין. עבודת**

**ה', מדות טובות, און מוסר, און יראת שמים. מען האט אייביג געזוכט, ווי קען איך טרעפן א פלאץ, ווי איך קען נאך עפעס צוגעבן צו מיין עבודת ה', צו מיין יראת ה', וואס איך האב געהאט ביז יעצט, זאל איך קענען נאך זוכה זיין.** אז יעקב האט געטראפן א פלאץ ביי יוסף ווי ער האט געזעהן אז ער האט א מדריגה וואס איז געווען העכער פון זיין מדריגה, האט ער זיך אויפגעהויבן, ער וועט אראפגיין אים זעהן בטרם אמות.

*

**איך** האב די וואך געהאט א חלום, און איך וועל עס איבערזאגן. איך האב גע'חלומ'ט אז א יוד, א תלמיד חכם, האט מיר געפרעגט, מען ווייסט דאך אז דער עיקר איז תורה, דער עיקר איז זיצן און לערנען. מען וואלט געדארפט רעדן פאר די בחורים נאר פון תורה. אז יעדע פרייע צייט וואס מען האט, זאל מען זיצן און לערנען. און דערווייל איז נישט אזוי. מען זיצט טאקע און מען לערנט פלייסיג, מען גיט אוועק צייט פאר תורה, אבער מען מאכט ליל שישי'ס, מען פארברענגט שבתים, מען זיצט מיט זמירות שירות ותשבחות, מען רעדט דרשות און זינגען וכדומה. מען וואלט געדארפט דאס אלעס ארויסשניידן פונעם חלק פון די ישיבה, וויסן אז עס איז נישט דא עפעס אנדערש, נאר תורה.

**האב** איך אים געענטפערט [איך ווייס נישט צו בהקיץ וואלט איך אים אזוי געענטפערט, אבער אין חלום האב איך אים יא אזוי געזאגט]: האב איך אים געפרעגט, וואס האסטו געגעסן נאכטמאל? רעכן מיר אויס. האט ער מיר געזאגט, איך בין אהיימגעקומען, איך האב מיך געוואשן, איך האב געגעסן ברויט, נאכדעם איז געווען א פארשפייז, מען האט געגעבן זופ, מען האט געגעבן פלייש, און א נאך שפייז, און איך האב געבענטשט. האב איך אים געפרעגט, וואס האט דיך געשפייזט בעיקר פון וואס דו האסט געגעסן? האט ער געזאגט, ברויט. ולחם לבב אנוש יסעד (תהלים קד-טו), לחם איז משביע, ברויט דאס שפייזט, דאס איז דער עיקר פון די סעודה. אלעס וואס ליגט נעבן דעם, איז נאר א טפל צו דעם פת. מען מאכט נישט קיין ברכה דערויף, ווייל עס איז א טפל צו דעם פת. האב איך אים געפרעגט, פארוואס האסטו אויך געגעסן די איבריגע מאכלים, עס איז דאך גענוג אז דו זאלסט עסן ברויט. און טאמער דו ביסט נישט זאט געווארן פון וואס דו האסט געגעסן, און דו דארפסט נאך, האסטו געקענט צו עסן נאך א שטיקל ברויט. פארוואס האסטו געדארפט עסן זופ, און פלייש, און קאמפאט, ווי דער סדר איז? זאגט ער, ווייל אז מען עסט ברויט אליין, ווערט עס צוגעגעסן. כדי איך זאל שפירן א טעם אין דעם ברויט וואס מען עסט, מוז מען האבן דערצו זייטיגע מאכלים. מען דארף עפעס ארויפלייגן דערויף, מען דארף עפעס צועסן דערצו, דעמאלטס קען מען שפירן די אמת'דיגע שביעה וואס איז דא אין לחם.

**האב** איך אים געזאגט, די זעלבע איז אויך מיט תורה. תורה איז לחם, תורה איז ברויט, לכו לחמו בלחמי (משלי ט-ה), צו תורה דארף מען האבן, ווי אזוי מען זאל זאט ווערן פון תורה. עס דארף האבן אסאך זאכן ארום און ארום, וואס זאלן צוגעבן דערצו. **תורה אן יראת שמים איז נישט קיין תורה, מען דארף האבן ערליכקייט, מען דארף האבן מדות טובות, ווען א יוד טוט א מצוה דארף ער שפירן א התלהבות דקדושה, מען מוז האבן די איבריגע זאכן. דער עיקר איז טאקע תורה, אבער די איבריגע זאכן וואס מען גיט פאר א בחור אין די ישיבה, דאס אלעס איז דער צושפייז וואס מען גיט צו, צו דעם ברויט. מען דארף טאקע וויסן, אז דער עיקר איז תורה, און אלעס ארום און ארום איז נאר כדי אז מען זאל שפירן א טעם אין די תורה! אז די תורה זאל נישט זיין ווי א עול, די תורה זאל נישט זיין ווי א משא אויפן מענטש, מען זאל שפירן א חשקת התורה. צו דעם פעלט אויס די זאכן ארום און ארום, וואס זאלן צוגעבן דערצו אז מען זאל קענען זוכה זיין צו תורה.**

*

**..א** יוד, ווען ער האט א נסיון, פרעגט זיך אלץ די קשיא. דער רבונו של עולם האט דאך ליב יודישע קינדער, פארוואס לייגט ער מיך אריין אין א נסיון. אמאל פאל איך אדורך, און אמאל האלט איך זיך, אבער יעדען נסיון וואס מען האט, קומט אן אזוי ביטער שווער. דו האסט מיר געקענט געבן א גרינגען וועג צו קענען שטייגן אין תורה און עבודת ה', עס זאל מיך נישט שטערן קיין שום זאך, וואלט איך דאך געדינט דעם אייבערשטן מיטן גאנצן

הארץ, איך וואלט אוועקגעגעבן מיין גאנץ לעבן פארן רבונו של עולם. און דער רבונו של עולם לייגט אריין דעם מענטש אסאך מאל אין אזא מצב פון נסיונות, אז דער מענטש ווערט צעבראכן דערפון.

**האט** אים דער אייבערשטער געזאגט, יעקב יעקב, לשון חיבה, וואס איך טו יעצט מיט דיר, איז א חיבה. ווייל איך האב דיך ליב! **א יוד וואן ער האט נישט קיין נסיונות, און ער דינט דעם אייבערשטן, איז גארנישט ווערד זיין עבודה! עס איז דא אסאך מלאכים וואס דינען דעם אייבערשטן. זיי האבן נישט קיין יצר הרע, זיי דינען דעם באשעפער, עס איז גרינג. ווי שווערער די עבודה פון א יוד איז, ווי מער נסיונות ער האט, און פון דעסטוועגן דאך פאלט ער נישט, און ער האלט זיך, און ער גייט זיין וועג וואס ער דארף צו טון, ער ווערט נישט אראפגעקלאפט ביי זיך פונעם יצר הרע, און ער טוט וואס ער דארף צו טון, דארטן ליגט די חיבה! דער אייבערשטער וועט דיר דאס באצאלן. עס ווארט פאר אונז א געוואלדיגער שכר אויף עולם הבא. און דער אייבערשטער גיט אונז די געלעגענהייט, מיר זאלן קענען צוקומען דערצו. א מענטש וואס לעבט אן ערליך לעבן, א הייליג לעבן, האט דאך נישט קיין השגה וואס עס ווארט פאר אים אין עולם הבא. און דאס וויל אונז דער אייבערשטער צוגעבן. איך לייג דיך אריין אין א נסיון, איך וויל דו זאלסט האבן דעם נסיון, איך וויל דו זאלסט עס אדורכברעכן, דו זאלסט קענען באקומען א מעדאל אויף דעם וואס דו האסט געטון.** מען ווייסט א סאלדאט וואס איז אין די מיליטער, באקומט נישט קיין מעדאל, נאר ווען עס מאכט זיך פאר אים א זאך וואס איז געווען אין מלחמה, א זאך וואס ער איז געווען א העלד, און ער האט דאס אדורכגעבראכן. ווי א גרעסערער העלד ער איז געווען, באקומט ער אן עקסטערן אויסצייכנונג דערויף. דער אייבערשטער וויל אונז געבן אויסצייכונגען, ער וויל אונז געבן מעדאלען לעתיד לבוא, נישט אזוי ווי מען גיט אויף די וועלט, דא איז דאס נאר פארגענגליך.

**האט** דער אייבערשטער געוויזן, דו גייסט אראפ אויף מצרים, עס קוקט דיר אויס מראות הלילה, יא, דו וועסט נישט האבן די ערליכקייט וואס דו האסט געהאט אין ארץ כנען, דו וועסט זיין ארומגענומען אין מצרים מיט די נידריגסטע פעלקער וואס איז געווען. אבער ויאמר יעקב יעקב, לשון חיבה, דו זאלסט וויסן, אז איך האב דיך ליב, און וועגן די חיבה וואס איך האב צו דיר, וויל איך אז דו זאלסט ארויסקומען מיט א מעדאל פון דעם פלאץ ווי איך שיק דיך אריין, וועגן דעם שיק איך דיך אראפ אויף מצרים.

**און דאס דארף יעדער איד חזר'ן פאר זיך, און וויסן אז מיר לעבן מיט נסיונות. נישט וועגן דעם האב איך א נסיון ווייל מען וויל מיך דרוקן, און מען וויל מיך צוקלאפן, נאר מען וויל אז דו זאלסט שטייגן!** יעקב יעקב לשון חיבה. דער רבונו של עולם האט אונז ליב, און ער וויל אונז געבן א געוואלדיגן שכר לעתיד לבוא, און מיר קענען צו דעם נישט צוקומען, נאר מיט נסיונות וואס מיר האבן אויף די וועלט. און ווי גרעסער דער נסיון איז, אלץ גרעסער איז דיין עליה וואס דו וועסט צוקומען דערצו. אנכי ארד עמך מצרימה, האב נישט מורא, איך בין צוזאמען מיט דיר דארטן. בשעת דו האסט א שוועריקייט אין עבודת ה', זאלסטו וויסן אז איך בין דארטן, און דו האסט די כוחות הנפש אז דו זאלסט זיך קענען מתגבר זיין, און עס זאל קענען זיין, ואנכי אעלך גם עלה.

*

**עס** איז דא א ווארט פון **רבי מיכל זלאטשוב'ער זי"ע** (הובא **במאור ושמש** פ' ואתחנן), אנכי עומד בין ה' וביניכם (דברים ה-ה). 'אנכי', דאס וואס א מענטש האלט פון זיך, איך בין עפעס, 'עומד', דאס איז א הפסק, 'בין ה' וביניכם', צווישן דעם אייבערשטן מיט ענק. דער אייבערשטער איז נאנט צו יעדן איינעם, מען דארף אבער האבן די מדה פון ענוה און שפלות רוח. דער 'אנכי', דאס וואס א מענטש האלט זיך פאר א 'אנכי', עומד, דאס איז א הפסק, דאס שטייט פאר א מחיצה, בין ה' וביניכם, צווישן דעם אייבערשטען און דעם מענטש.

**איך** האב געזעהן אמאל שטיין, מיט אסאך יארן צוריק, איך בין נאך אפשר געווען א בחור, און איך לעב נאך מיט דעם ווארט וואס איך דעמאלטס געזעהן. דער **הייליגער לעכוויטשער זי"ע** האט געהאט א תלמיד וואס האט געהייסן ר' יואל פון טשאפלה, און פאר דעם תלמיד האט זיך אמאל פארגליסט צו קומען צו זיין רבי'ן. עס איז געווען ווינטער, און ער האט געהייסן איינשפאנען א פערד און וואגן, ער האט א תשוקה צו גיין צו זיין רבין, צו

**רבי מרדכי'לע**. ער איז אנגעקומען שפעט ביינאכט, און די טיר איז געווען פארמאכט, און ער קלאפט אויף די טיר. קיינער איז שוין נישט אויפגעווען אין שטוב, נאר דער רבי אליין. קומט ער צו די טיר, און ער פרעגט, ווער איז אינדרויסן. און אזוי ווי ער איז געווען זייער א היימישער דארטן אין שטוב, האט ער געזאגט, איך. ער האט פארשטאנען, אז מען וועט אים דערקענען אויפן קול, און מען וועט וויסן ווער ער איז. האט **רבי מרדכי'לע** געזאגט, ווער קען זאגן אויף זיך 'איך'? 'אנכי ה' אלקיך (שמות כ-ב), דער אייבערשטער קען זאגן 'איך'! א בשר ודם זאל זאגן 'איך'?! זאגט ער, רבי, מען דארף מער נישט אויפמאכן די טיר, איך האב שוין מיט וואס אהיימצופארן... ער איז געפארן צו א צדיק, ווייל ער האט געוואלט מקבל זיין. ער האט יעצט געהערט א ווארט פונעם רבי'ן, אז ווי אזוי קען א יוד זאגן אויף זיך 'אנכי', 'איך', ווער איז 'איך'? דער אייבערשטער האט געזאגט אנכי, און מיר זענען אלע בטל ומבוטל פארן אייבערשטן. און אז ער האט געהערט פון זיין רבי'ן, אז מען קען נישט זאגן אויף זיך 'אנכי', האט ער געזאגט, איך דארף שוין מער נישט אריינגיין אין שטוב, ער האט שוין מקבל געווען פונעם רבי'ן. אויף דעם איינעם ווארט, האט ער שוין ארבעט אויף א פאר חדשים, ביז ער וועט נאכאמאל קומען צו זיין רבי'ן. דער אנכי, עומד בין ה' וביניכם, איז א הפסק צווישן דעם אייבערשטן מיט ענק (הובא **בתורת אבות** דף רפח).

**מיר** רעדן יעצט אין א קלענערן פארמאט, צווישן בחורים. א בחור האלט זיך נישט 'אנכי', אז איך בין דער גרויסער תלמיד חכם, ער ווייסט אז ער איז נישט. ער האלט זיך נישט פאר דעם גרויסען צדיק, דאס ווייסט ער אויך אז ער איז נישט. אבער 'אנכי', **מיך זאל מען נישט איינטיילן! איך בין א מענטש פאר מיר. איך ווייס וואס איך האב צו טון, איך ווייס וואס איך דארף צו טון. הייס מיר נישט גיין דארטן, און הייס מיר נישט גיין דא. הייס מיר נישט זיך זעצן לערנען. געב אכט אויף מיין כבוד! אנכי!** עס איז ביי יעדן איינעם אזוי, איינער וויזט עס נאר ארויס, און איינער וויזט עס נישט ארויס, אבער יעדער איינער האט עס אין זיך. עס איז א נאטור וואס דער אייבערשטער האט אריינגעגעבן אינעם מענטש, אז מען זאל אים נישט איינטיילן. **ווען איך וועל פארשטיין אז איך דארף דיך פאלגן, וועל איך דיך פאלגן, און אז איך וועל פארשטיין אז איך דארף דיך נישט פאלגן, וועל איך דיך נישט פאלגן. דער 'אנכי', וואס א מענטש איז נישט קיין מקבל, ער בייגט זיך נישט, ער האט נישט קיין הכנעה פאר זיינע מדריכים, דער 'אנכי' וואס ער האלט, אז איך בין עפעס, און לאמיך גיין אין מיין וועג, דאס איז עומד בין ה' וביניכם, אזוי קען מען נישט שטייגן.** ווי מען האט פריער גערעדט, אז מען וויל שטייגן, דארף מען זיין א מקבל.

**עס** שטייט אין הייליגע ספרים, ווען א מענטש גיסט פון איין כלי אין א אנדערע כלי, איז טאמער די כלי אין וואס מען וויל אריינגיסן, איז אין די זעלבע הייך ווי די כלי פון וואו מען גיסט, קען מען נישט גיסן. אויב מען וויל אז עס זאל אריינגיין אין די כלי, מוז די צווייטע כלי זיין נידריגער, דעמאלטס קען מען אריינגיסן פון די כלי אריין אין די אנדערע כלי. **ווילאנג דער מענטש האלט זיך, ער איז אייניג מיט אלע וואס זענען העכער פון אים, יענער איז טאקע מער א תלמיד חכם פון מיר, דאס איז ער מודה, ער וועט נישט זאגן אז ער האט אזויפיל געלערנט וויפיל יענער, אבער מען זאל אים נישט איינטיילן. ווען איך וועל וועלן, וועל איך טון, און ווען איך וועל נישט וועלן, וועל איך נישט טון. מען זאל מיר נישט זאגן 'וואס' איך זאל טון. ווילאנג א מענטש שטייט פאר זיך, דער אנכי, עומד בין ה' וביניכם, קען מען נישט זיין קיין מקבל, עס גייט נישט אריין.**

**וועגן** דעם זעהט מען היינט אזוי אויס. **עס איז נישט דא קיין הכנעה, מען בייגט זיך נישט, יעדער האלט זיך פאר א 'איך'. מען זאל אים נישט זאגן, מען זאל אים נישט צורירן. עס איז א געוויסע חוצפה וואס איז אריינגעבויט אינעם מענטש.** דער 'אנכי', דאס איז עומד בין ה' וביניכם, דאס שטייט א הפסק צווישן דעם מענטש און דעם אייבערשטן.

**עס איז אבער דא א 'אנכי' וואס איז א געבענטשטער אנכי, וואס א מענטש דארף זיך האלטן גרויס, ויגבה לבו בדרכי ה'** (דברי הימים ב יז-ו). **ווען עס קומט צו א נסיון, דארף ער האפן, איך וועל עס מאכן, איך וועל עס אדורכגיין, איך וועל זיך מתגבר זיין, איך וועל טון וואס מען דארף צו טון.** ויגבה לבו בדרכי ה', זיך גרויס האלטן אין די וועגן פונעם אייבערשטן. **ער האט א חשק צו לערנען, און ער זעהט אז דער עולם**

האלט נישט דערביי, תיכף ווערט ער נאכגעלאזט, און ער גייט מיט מיטן שוואונג מיט די אנדערע. ווען מען פרעגט אים, פארוואס זעצטו זיך נישט אריין אין בית המדרש לערנען? זאגט ער, איך קען נישט ארויסשטייגן אנדערש ווי די חברים. יעדער שמועסט יעצט, און איך וועל זיך אראפזעצן אין בית המדרש לערנען?! אן אנדערס מאל האט ער דעם 'אנכי', אבער יעצט ווערט ער אן עניו, ער קען נישט זיין דער וואס זעצט זיך אריין אין בית המדרש לערנען, און דער עולם איז נישט דארטן.

**מען** פרעגט פארוואס דאווענסטו נישט הויך? זאגט ער, יעדער דאווענט שטיל, פארוואס זאל איך דאווענען הויך, איך וויל נישט ארויסשטיין מער ווי א צווייטער. ווען עס קומט צו עבודת ה' דארף מען נישט קוקן אויף קיינעם. דו פארשטייסט אז מען דארף עס טון, טו עס, און דו דארפסט עס טון, און מיט דעם וועסטו שטייגן! דער 'אנכי' קען אמאל זיין וואס טוט קאליע מאכן א מענטש, און דער 'אנכי' קען אמאל זיין וואס דערהייבט דעם מענטש. אויב ער שטייט פעסט אויף זיינע גדרים וסייגים, אפילו ווען יעדער פארשלאפט פארטאגס, איך וועל אויפשטיין, מיך אינטערסירט נישט וואס דער צווייטער טוט, דער איז שפעטער מצליח.

**דער** אייבערשטער האט געזאגט פאר יעקב אבינו, אל תירא מרדה מצרימה, דו גייסט אראפ אויף מצרים, דו וועסט האבן אסאך נסיונות דארטן, זאלסט וויסן, 'אנכי' ארד עמך מצרימה, מיט אן 'אנכי' קען מען פאלן, מען גייט אראפ, מען ווערט האבן א ירידה אין מצרים. אבער 'אנכי' אעלך גם עלה, דער 'אנכי' קען זיין אעלך גם עלה, מען קען זייער שטארק שטייגן מיט ויגבה לבו בדרכי ה'. ווען מען שטעלט זיך דאווענען, איך וועל דאווענען? מיין דאווענען האט עפעס א חשיבות ביים אייבערשטן? עס שטייט אין הייליגע ספרים, כי הלל רשע על תאוות נפשו (תהלים י-ג), דער רשע, ווען עס קומט צו זיינע תאות, דעמאלטס ווערט ער ווי א הלל, לעולם יהא אדם ענוותן כהלל (שבת ל:), דעמאלטס ווערט ער אן עניו. ווען עס קומט צו עבודת ה', דארף זיין ויגבה לבו בדרכי ה', א יוד דארף זאגן ביי זיך שטענדיג, איך גיי אויסוואקסן א גדול בישראל! איך קען עס באווייזן, און איך וועל עס באווייזן! איך וועל מיך זעצן לערנען, און עס וועט מיך נישט אינטערעסירן קיין שום זאך. איך וויל אויסוואקסן דער קומענדיגער גדול בישראל! דער 'אנכי' איז א געבענטשטער 'אנכי', וואס יעדער איינער דארף דערמיט מיטגיין. 'אנכי' אעלך גם עלה, מיט דעם קענסטו שטייגן און שטייגן גאר הויך. א יוד דארף נישט לעבן מיט א קטנות, נאר וועלן שטייגן, און וועלן אויסוואקסן וואס ער האט די כשרונות, און ער האט די מעגליכקייט אויסצואוואקסן. און יעדער ב"ה האט די מעגליכקייט אויסצוואוואקסן.

**עס** נעמט שוין נישט לאנג צו זיין אין די ישיבה, נאך א יאר, צוויי, דריי. עטץ זענטס שוין אלע גרויסע בחורים, אט אט זעהט מען זיך שוין אינדרויסן. אז מען פארפאסט די צוויי יאר וואס מען האט, האט מען פארפאסט די גאנצע לעבן וואס מען האט. יעצט איז די צייט, ווילאנג מען קומט אין ישיבה, מען האט דיר אלעס צוגעשטעלט, האסט נישט קיין שום זאך וואס שטערט דיר פון אויסנוצן פאר עבודת ה'. עס איז צוגעשטעלט מטה כסה שלחן מנורה, פון צופרי ביז ביינאכט דארפסטו נישט אוועקגעבן פאר עולם הזה צוויי מינוט. אלעס האט מען דיר צוגעגרייט, אלעס ליגט אויפן טיש, קענסט אויסנוצן די צייט און וואקסן. פארוואס נעמסטו נישט אויף דיר צו קענען נאך א מסכתא? נעם אן הלכה, לערן אדורך הלכות שבת, לערן אדורך יורה דעה, עס איז דא אזויפיל זאכן וואס צו לערנען. אויסנוצן די צייט, א שאד אז מען זאל פארפאסן די שיינע יארן וואס מען האט נאך יעצט אין די ישיבה, אז מען זאל עס אוועקגעבן.

**מען** פאלט אריין אין יאוש, איך בין שוין ביז היינט נישט אנגעקומען, איך וועל שוין נישט אנקומען ווייטער אויך. איך וועל ענק מעיד זיין, איך האב געהאט חברים אין ישיבה, וואס האבן געלערנט מיט מיר צוזאמען, און א גרויס חלק פון זיי, זענען היינט פון די גרעסטע מרביצי תורה וואס זענען דא. און אסאך פון זיי, האבן ביי די זיבצען אכצען יאר נאך נישט געהאלטן ביים לערנען. זיי האבן זיך דעמאלטס גענומען אין די הענט אריין צו לערנען, און זיי זענען געווען בעלי כשרונות, און זיי זענען אויסגעוואקסן וואס זיי זענען אויסגעוואקסן. עס איז קיינמאל נישט שפעט! א בחור דארף זאגן, איך ווארף מיך אריין אין ים התלמוד, נישט קיין חילוק וואס עס איז געווען ביז יעצט. מען דארף זיך אוועקגעבן פאר תורה, פארוואס זאל איך ארויסגיין פון די ישיבה א האלבער עם

**הארץ, א גאנצער עם הארץ, א פערטל תלמיד חכם, איך קען דאך אויסנוצן די צייט, וועל איך אויסוואקסן און שטייגן אין תורה.**

**איך** האב אמאל געהאט צוויי תלמידים וואס האבן געלערנט אין ישיבה, און איינער פון זיי איז אויסגעוואקסן א מגיד שיעור, און די חברותא זיינער איז אויסגעוואקסן א באס דרייווער. דער וואס איז אויסגעוואקסן א מגיד שיעור האט מיך אמאל אנגערופן, און ער זאגט מיר, אז ער וויל אריבערברענגען זיין כתה אז איך זאל זיי פארהערן וואס מען האט געלערנט דאס יאר. איך האב אים געגעבן א צייט ווען ער זאל קומען. ער האט באשטעלט א באס, און עס איז פונקט אויסגעקומען, אז דער חבר זיינער, ער איז געווען דער באס דרייווער וואס האט אים געברענגט. ביידע זענען אנגעקומען צוזאמען, דער מגיד שיעור איז אנגעקומען מיט זיין כיתה, און ער איז געווען דער באס דרייווער. שפעטער קומט אריין דער באס דרייווער צו מיר אין שטוב, און ער זאגט מיר, דער רב געדענקט נאך, אז איך האב געלערנט מיט אים צוזאמען, דער רב זאל זעהן וואס פון אים איז אויסגעוואקסן, א מגיד שיעור וואס איז מרביץ תורה, און איך בין היינט זיין באס דרייווער. ווען איך וואלט געהאט שכל, וואלט איך געקענט צוקומען צו די זעלבע וואס ער איז צוגעקומען. יעדער האט די מעגליכקייט אויסנוצן די יארן וואס מען האט. מען האט א ישיבה צו שטייגן און צו וואקסן, דאס איז דער 'אנכי' אעלך גם עלה, ווי גרעסער די ירידה איז, ווי גרעסער דער 'אנכי' ארד עמך מצרימה, ווי מער נסיונות א מענטש האט, איז דער 'אנכי' אעלך גם עלה אויף א העכערע מדריגה וואס מען קען שטייגן.

*

**מען** האלט שוין פאר די שובבי"ם טעג, מען האט שוין גערעדט ווי אזוי מען דארף זיך צוגרייטן צו די טעג. מיר האבן נישט קיין כוחות צו קיין תעניתים און סיגופים, וואס ערליכע אידן האבן אמאל געטון. מען רעדט נישט פון וואס צדיקים האבן געטון, נאר פשוט'ע יודען האבן מורא געהאט פון א עבירה. ווען עס איז געקומען שובבי"ם האבן זיי געהאט אן אנדערע סארט לעבן ווי מיר האבן עשרת ימי תשובה. מיר האבן טאקע נישט די כוחות, אבער וואס מיר האבן יא, איז תורה. **נעמען אויף זיך צו לערנען אלע סדרים. עס וועט זיין א סדר פון רציפות, עס איז נישט קיין עול, מען האט מיר געצווינגען איך מוז עס טון, נאר זיך פרייען אז עס איז דא איינער וואס פארלאנגט עס פון דיר, וואס בעט עס פון דיר. ניץ נישט דעמאלטס דעם אנכי, איך בין א מענטש פאר מיר, מען זאל מיר נישט איינטיילן ווי אזוי איך זאל לערנען. דעמאלטס דארף מען ניצן דעם פארקערטן אנכי, ויגבה ליבו בדרכי ה', איך וועל זיין די מוסטער, איך וועל זיין דער וועגווייזער ווי אזוי מען דארף זיך אויפפירן.**

**דער** באשעפער זאל געבן, מיר זאלן טאקע אויסניצן אונזער לעבן פאר תורה און עבודת ה', מיר זאלן אלע שטייגן און אויסוואקסן תלמידי חכמים יראי ה', און עובדי ה'. עס איז די וואך עשרה בטבת, וואס מען איז מתאבל אויפן חורבן בית המקדש, זאל דער באשעפער געבן, ונזכה ונחיה ונראה, מען זאל שוין קענען זעהן, ווי דער אייבערשטער וועט אויפבויען צוריק דעם בית המקדש, ותחזינה עינינו בשובך לציון ברחמים, בביאת בן דוד במהרה בימינו אמן.

*

כשעה אחר הבדלה נכנס **רבינו שליט"א** לסעודתא דדוד מלכא משיחא. אחר שזימרו זמירות למוצאי שבת סיפר **רבינו שליט"א** סיפורי צדיקים (מתוך ספר זכרונם לברכה) **מהרה"ק רבי צבי בן הבעל שם טוב זי"ע, ומהרה"ק רבי מרדכי יוסף מאיזביצא זי"ע בעל מי השלוח**, אשר יומא דהילולא שלהם חל בשבת קודש. בברכת המזון נתכבד **הרה"ג רבי אלימלך שפיטצער שליט"א** מנהל הישיבה. אחר כך המשיכו בריקודים של שמחה בתופים ובמחולות.

***וזה תוכן הסיפורים (מה שרבינו שליט"א הוסיף עליהם):***

אצל כמה מחצרות החסידים מקובל, **שהרה"ק רבי צבי זי"ע** בכלל לא ירש את כסאו של **הבעל שם טוב זי"ע**, אבל במשנת אדמו"י חב"ד מקובל, שאחר הסתלקות **הבעל שם טוב זי"ע** נבחר בנו **הרה"ק רבי צבי** לנשיא ולמנהיג, אמנם כעבור שנה ראשונה ראתה החבריא קדישא כי הוא חלוש בכוחותיו, ולפי המצב אז, היה דרוש עוז ותעצומות לעמוד בראש ההנהגה. בסעודת יום טוב שני של חג השבועות, ביום הראשון אחר היארצייט של **הבעל שם טוב הק'**, ישב **הרה"ק רבי צבי**

בראש השלחן מלובש בבגדי קודש של אביו **מורנו הבעל שם טוב הק'** וכל החבריא קדישא עוטרים אותו. לאחר שגמר לומר תורה, עמד מלא קומתו ואמר, היום בא אלי אבא, ויודיעני כי הפמליא של מעלה עם משמשיהם שהיו רגילים להיות אצלו, עברו היום להקדוש ונורא מרנא ורבנא רבי בערנ'יו, אשר על כן בני, תמסור לו את הנשיאות במעמד כל החבריא קדישא, והוא ישב במקומי בראש השלחן, ואתה בני תשב במקומו, ודע כי תצליחו ופי שנים ברוחו. ותוך כדי דיבור פנה **להרה"ק רבי דובער** בברכת מזל טוב, ויפשט את בגד העליון, ויתנו לכ"ק מרן רבי דובער, וילבש את בגדו של רבי דובער, וישב במקומו.

**והוסיף רבינו:** גרויסע מדריגות. וואלט מען געקענט היינט דערציילען אזא מעשה, אז א קינד פונעם רבי'ן האט זיך געזעצט אינדערזייט, און איבערגעגעבן זיין בעקיטשע פארן תלמיד?! זיי האבן דאך אבער געמיינט דעם אמת, דער **רבי ר' בער** האט געמיינט דעם אמת, און דער **רבי ר' הערש** האט געמיינט דעם אמת, און אויך דער **בעל שם טוב הק'**.

**דער דברי חיים** שרייבט אין א תשובה (**שו"ת דברי חיים** תנינא חו"מ סימן לב), ווען ער רעדט וועגן רבי'סטווע, צו עס גייט אריבער בירושה פאר די קינדער, שרייבט ער, אז דער **בעל שם טוב הק'** האט איבערגעלאזט זיין הנהגה פאר זיין תלמיד, ולא לבנו שהיה קדוש ה', נישט פאר זון וואס איז געווען א קדוש ה'. און ער שרייבט דארט, ווייל רבי'סטווע האט נישט קיין ירושה. אויף רבנות איז יא דא א חזקת רבנות, אבער ביי רבי'סטווע איז ווער עס איז דער גרעסטער אין די חבורה, דער דארף איבערנעמען.

**איך** האב געזען אין די צוואה פונעם **תולדות אהרן רבי זי"ע**, אז ער שרייבט אז מען זאל אויפנעמען נאך זיין פטירה איינע פון די קינדער. ער האט נישט געשריבן וועלכען, נאר וועלכער מען וועט וועלן, דעם זאל מען אויפנעמען. דאס איז טייטש, אז די חסידים זאלן צווישן זיך מחליט זיין, וועם זיי ווילן. זאגט ער, כאטש דער **דברי חיים** שרייבט, אז עס גייט נישט איבער פאר קיין קינדער, נאר מען נעמט אויף דעם גרעסטן וואס איז דא אין די חבורה, אבער היינטיגע צייטן וועט זיך אזא זאך נישט אוסארבעטן, נאר אז א זון נעמט איבער, איז ממילא, כדי עס זאל זיך האלטן, זאל מען נעמען איינעם פון די קינדער (ועיין עוד **בשמן ראש** חלק תשיעי במדבר דף קכ"ו).

*

**ער** ברענגט דא צו א סיפור פון **רבי איטשע'לע פון רעננה זצ"ל**, ער האט געמאכט א ספר **בן לאשרי**. - דער **רבי איטשע'לע** איז געווען א גערער חסיד, איך בין געווען אמאל ביי אים אין שטוב אין רעננה. מען האט אים געהאלטן פאר א אדם גדול, ער פלעגט זיך אויסצובעטן מיט געלט, ער פלעגט בעטן גרויס געלט. און מען האט געזאגט, אז ווען עס קומט א יוד פון ארץ ישראל, דעמאלטס בעט ער ווייניגער, אבער טאמער עס קומט איינער פון חוץ לארץ, דעמאלטס בעט ער א הון רב. איך בין געקומען דעמאלטס צו פארן פון ירושלים, האט ער מיך געפרעגט פון וואו איך קום, האב איך שוין געוואוסט אז מען קען נישט זאגן אז מען קומט פון חוץ לארץ, האב איך געזאגט, אז איך קום פון ירושלים. איך האב געהאט איין קינד דעמאלטס, און איך האב געבעטן אויף קינדער, האט ער געפרעגט, דו האסט געלט? האב איך ארויסגענומען הונדערט פונט, עס איז געווען דעמאלטס מיט דרייסיג פערציג יאר צוריק היבש געלט, און איך האב אים געגעבן הונדערט פונט. האט ער געזאגט, הונדערט פונט? און ער האט עס געגעבן א ווארף צוריק. הונדערט פונט איז ביי אים נישט קיין געלט. האב איך אים געפרעגט וויפיל ער דארף, איך געדענק נישט וויפיל ער האט געזאגט, האב איך אים געזאגט, איך האב נישט ביי מיר, אבער איך וועל אים אריינשיקן.

**זכותם יגן עלינו ועל כל ישראל**